# ייִוואָ בלעטער

## שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

באַנד XLV

ייִדן אין צענטראַל־ און מיזרח־אייראָפּע
אין 18טן און 19טן י״ה

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ
ניו־יאָרק, 1975

# די יידישע דרוקערייען אין אוקראַינע

פון מרדכי וו. בערנשטיין

איינער פון די באַקאַנטע פענאָמענען אין דער קולטור־געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד איז די גאַר אַנגעזעענע צאָל יידישע דרוקערייען אויף די עטניש־אוקראַינישע שטחים — אין וואָלין, פּאָדאָליע, קיעווער גובערניע און שכנות־דיקע ערטער. גענוג צו טאָן אַ בליק אויף דער מאַפּע פון דעם געוועזענעם תחום־המושב פון צאַרישן רוסלאַנד, כדי צו באַמערקן אַז אויפן שטח פון ווייסרוסלאַנד און ליטע געפינען זיך בלויז 9 פונקטן, וווּ עס זענען געווען יידישע דרוקערייען (5 אין ווייסרוסלאַנד און 4 אין ליטע) און אויף די אוקראַי־נישע שטחים העכער דרייסיק פונקטן מיט יידישע דרוקערייען.

אין דער איצטיקער אַרבעט האָבן מיר זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרענט־פערן די ווייטערדיקע פּראָבלעמען:

א. פרווון געפינען אַן אויפקלערונג צו דעם פאַקט פאַר וואָס די יידישע דרוקערייען אין זייער גרויסער מערהייט זענען אויפגעקומען דווקא אויף די אוקראַינישע שטחים; ב. אין וועלכע שטעט עס האָבן עקסיסטירט יידישע דרו־קערייען, ווען זיי זענען געשאַפן געוואָרן; ווער זענען געווען די בויערס; ביז וואַנען האָבן זיי זיך געהאַלטן און די סיבות פון זייער ליקווידאַציע; ג. דער צאַרישער באַפעל פון 1836 ווי דער הויפּט־גורם פון זייער ליקווידאַציע.

## א. פאַר וואָס איז אוקראַינע געוואָרן דער פלאַץ פון דער גרויסער שפע יידישע דרוקערייען?

ראשית־כל וועלן מיר באַלד פעסטשטעלן אַז די גרינדונג פון די יידישע דרוקערייען אין דעם דאָזיקן געגנט איז פאַרגעקומען אויף די גרענעצן פון פאָליטישע אויפטרייסלונגען אין דעם אַלגעמיינעם לעבן און אויך אין דער צייט פון אַ פרשת־דרכים אין יידישן גייסטיקן לעבן.

די מערהייט פון די דאָזיקע דרוקערייען זענען אַנטשטאַנען (ווי מיר וועלן עס שפעטער זען) אין די יאָרן 1760—1820 הייסט עס, אין דער צייט ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו בייטן די פאָליטישע מאַפּע פון דעם דאָזיקן געגנט. עס הייבט זיך אָן דער בהדרגהדיקער איבערגאַנג פון די דאָזיקע געוועזענע פוילישע שטחים צו רוסלאַנד. נאָר געציילטע דרוקערייען זענען געשאַפן געוואָרן אונטער פוילישער הערשאַפט — די מערהייט פון זיי קומט אויף נאָך דעם ווי די שטחים זענען אַריבער אונטער מאָסקווער הערשאַפט. די דאָזיקע ערטער ליגן האַרט ביי דער עסטרייכישער גרענעץ. מיר שטרייכן אונטער דעם דאָזיקן

מאָמענט ווײַל מיר וועלן פּרוּוון אויך אין דעם געפֿינען אַ טעם פֿאַר דער לפּי־ערכדיקער הצלחה פֿון די דאָזיקע דרוקערײַען. דאָס איז אויך די צײַט ווען אין ייִדישן לעבן, און גאָר באַזונדער אויף די דאָזיקע וואָלינער און פּאָדאָליער שטחים, איז אויפֿגעקומען די חסידישע באַוועגונג, וואָס איז זיך אַזוי ראַשיק צעוואַקסן אין דער טיף און אין דער ברייט און האָט אַרויסגערופֿן שאַרפֿע ווידעראַנאַנדן. פֿון דער אַנדערער זײַט איז עס אויך די צײַט פֿון דער אָנגרײַפֿע־רישער השׂכּלה, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון בראָד און טאַרנאָפּאָל קיין אַדעס, און די דאָזיקע שטחים זענען געוואָרן דורכגאַנגוועגן פֿאַר די מענטשן און אידעעס וואָס זענען געוואָרן פֿאַרבונדן מיט די דאָזיקע צענטערס.

מען דאַרף דעריבער נעמען אין אַכט אַ סך גורמים וואָס האָבן געווירקט אויפֿן אויפֿקום פֿון דער גרויסער צאָל ייִדישע דרוקערײַען אין די דאָזיקע ערטער. אַ לאַנגע צײַט, כּמעט ביז אונדזערע הײַנטיקע טעג, גייט נאָך אָן די אָנגענומענע מיינונג, אַז די פּראָבלעם חסידים־מתנגדים האָט עס געבראַכט צו דער שפּע פֿון די ייִדישע דרוקערײַען אין דער חסידישער אוקראַיִנע. געלייגט האָט זיך עס אויפֿן שׂכל שוין צוליב דעם, וואָס אַ געוויסע צאָל דרוקערײַען האָבן עקסיסטירט אין שטעט וואָס פֿאַרנעמען אין דער געשיכטע פֿון חסידות אַ גאָר אָנגעזען אָרט. דאָס איז מעזשביזש, מעזריטש, קאָריץ, באַרדיטשעוו, בראַצלאַוו, פּולנאָע, סלאַוועטע, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט די נעמען פֿון די גרונטלייגערס פֿון דער באַוועגונג, דער בעל־שם־טובֿ, דער מעזריטשער מגיד, ר׳ פּנחסל קאָריצער, דער הייליקער באַרדיטשעווער, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, דער „תּולדות יעקבֿ יוסף" פֿון פּולנאָע, די סלאַוועטער קדושים, די קינדער פֿון ר׳ פּנחסל קאָריצער.

די דאָזיקע סבֿרא האָט טאַקע דעצידירט אין אַ ריי פֿעסטשטעלונגען פֿון די וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט דער געשיכטע פֿון ייִדישע דרוקערײַען. שרײַבט למשל ד״ר אַ. א. הרכּבֿי:

> איינס פֿון די מעכטיקסטע פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען פֿון חסידות אין דער צווייטער העלפֿט פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אָנהייב פֿון איצטיקן איז געווען דאָס גרינדן אַ היפּשע צאָל דרוקערײַען אין וואָלין, פּאָדאָליע, קיִעווער און מאָהילעווער גובערניעס....[1]

אויך שאָול גינזבורג, וואָס האָט צו זײַנע היסטאָרישע שטודיעס אויסגע־ניצט גאָר גרויסע אַרכיוון פֿון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע, שרײַבט אין קאַפּיטל „צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן דרוקוועזן"[2] אַז די חסידישע באַוועגונג איז עס געווען דער גורם צום שטאַרקן וווּקס און צו דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישע דרוקערײַען. ער שרײַבט בזה הלשון:

> ...די נײַע רעליגיעז־געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג וואָס האָט אין גיכן געקראָגן אַ גרויסע פֿאַרשפּרייטונג און אַרויסגערופֿן אַן אייפֿערדיקן ווידער־שטאַנד פֿון אירע קעגנערס, האָט זיך, נאַטירלעך, גענייטיקט אין געדרוקטן

[1] „זאַמלבוך צו הילף די ייִדישע אָנהייבשולעס" (רוסיש), פּעטערבורג 1896, ציטירט לויט ח. ליבערמאַן.

[2] ש. גינזבורג אין: היסטאָרישע ווערק, ערשטער טייל, וואַרשע 1937, ז׳ 48.

וואָרט, אַלס מיטל פֿון פּראָפּאַגאַנדע און פּאָלעמיק. אויסצונוצן דערויף די מתנגדישע דרוקערייַען איז זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך געווען אוממעגלעך, דעריבער האָבן די חסידים גענומען גרינדן אייגענע דרוקערייַען, איבער הויפּט אין יענעם געגנט וווּ זייער ווירקונג איז געווען שטאַרק — אין וואָלין, פּאָדאָליע, קיִעווער גובערניע אד"גל. זייערע קעגנערס האָבן אויך ניט געשוויגן. אַזוי זענען אין סוף 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט אַנטשטאַנען חסידישע און מתנגדישע דרוקערייַען אין פֿיל שטעט.

און גינזבורג רעכנט טאַקע אויס אַ צאָל שטעט, וווּ עס זענען אויפֿגעקומען די דאָזיקע „חסידישע און מתנגדישע" דרוקערייַען.

הכּלל, די טעאָריע חסידות־מתנגדות איז געווען די גילטיקע צו פֿאַרענט־פֿערן די דאָזיקע פֿראַגע. איז געקומען ח. ליבערמאַן און זיך באַמיט, אויפֿן סמך פֿון וואָגיקע ראַיות, געשטיצט אויף פֿאַקטן און מאַטעריאַלן, אָפּצופֿרעגן, ווי ער רופֿט עס, די לעגענדע, אַז די דרוקערייַען זענען געווען חסידישע; ער ווייַזט אויף, אַז די דאָזיקע דרוקערייַען האָבן זיך גאָרניט פֿאַרנומען מיט דרוקן אויסשליסלעך חסידישע ספֿרים.[3]

אין זייַן זייער וויכטיקער אַרבעט ווייַזט ער אָן, אַז גראָד איז די צאָל חסידישע ספֿרים וואָס זענען דאָרטן געדרוקט געוואָרן ממש אַ נישטיקע. דער ערשטער חסידישער ספֿר איז דאָרטן געדרוקט געוואָרן אין 1780 (דער תולדות יעקב יוסף אין קאָריץ) און ווי לאַנג עס האָבן עקסיסטירט די דרוקערייַען (ביז 1836), ד"ה אין משך פֿון 56 יאָר, זענען אין אַלע אוקראַיִנער דרוקערייַען אַרויס בסך־הכּל אַ הונדערט חסידישע ספֿרים — צוויי ספֿרים אַ יאָר. גאָר כאַראַקטעריסטיש איז דער פֿאַקט וואָס ער גיט אָן, אַז אין דער ערשטער דרוקערייַ וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין אוקראַיִנע (אָלעקסניץ) איז גאָר געדרוקט געוואָרן דער זמיר עריצים וחרבות צורים, אַ שאַרפֿע אַנטי־חסידישע שריפֿט.

בכּלל איז שווער צו רעדן וועגן דעם בראשית פֿון די אוקראַיִנער דרוקערייַען ווי וועגן חסידישע, ווייַל ווען זיי זענען געשאַפֿן געוואָרן זענען זיי געווען די איינציקע ייִדישע דרוקערייַען אין גאַנץ רוסלאַנד. ווען מען האָט געשאַפֿן די ערשטע וואָלינער דרוקערייַען (אָלעקסניץ, קאָריץ) זענען נאָך ניט געווען די ליטוויש־ווייַסרוסישע דרוקערייַען פֿון גראָדנע און ווילנע. די דאָרטיקע מתנג־דישע מחברים פֿלעגן זייערע חיבורים שיקן דרוקן אין די דרומדיקע דרוקערייַען.

לאָמיר אויך צוגעבן, אַז בכּלל האָט דאָך דעמאָלט ניט געקענט זייַן קיין רייד וועגן אַ שפֿע פֿון „חסידישער ליטעראַטור". אין יענער צייַט האָט נאָך געלעבט דעם בעל־שם־טובֿס תּלמיד, ר' בער, דער מעזריטשער מגיד, און צו אים זענען, ווי תּלמידים, געפֿאָרן די שפּעטערדיקע חסידישע מנהיגים, ר' לוי־יצחק באַרדיטשעווער, ר' שניאור־זלמן פֿון ליאָדי, ר' נחום טשערנאָבילער, ר' יעקבֿ־יוסף פּולנאָער, ר' פּנחסל קאָריצער א"אַ. די גרויסע פּובליקאַציע פֿון חסידישע ספֿרים האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אַ סך שפּעטער. זייער אָפֿט טאַקע נאָך דער פּטירה פֿון די גרונטלייגערס פֿון חסידות, ווען זייערע תּורות זענען פֿאַר־עפֿנטלעכט געוואָרן דורך זייערע תּלמידים און אָנהענגערס.

[3] ח. ליבערמאַן, „לעגענדע און אמת וועגן די חסידישע דרוקערייַען", ייִוואָ־בלעטער, באַנד XXXIV, זז' 182—208.

דער ערשטער חסידישער ספֿר, דער תולדות יעקב יוסף, איז, ווי מיר האָבן פֿריִער דערמאָנט, געדרוקט געוואָרן אין 1780, 20 יאָר נאָך דעם ווי עס איז געשאַפֿן געוואָרן די ערשטע ייִדישע דרוקעריַי אין וואָלין. די ערשטע אויפֿלאַגע פֿון תּניא פֿון ר׳ שניאור־זלמן פֿון ליאַדי — דער גרונטלייגער פֿון חב״דער חסידות — איז אַרויס אין סלאַוווטע אין 1796, ווען די ייִדישע דרוקעריַיען אין אוקראַיִנע זענען שוין אַלט געווען 36 יאָר. נאָך אַ דעטאַל — טייל דרוקעריַיען, וואָס זייערע גרינדערס און אָנפֿירערס זענען טאַקע געווען חסידים, זענען באַרימט געוואָרן ניט דורך זייערע חסידישע פּובליקאַציעס. ווי אַ בולטע דוגמא קאָן אונדז דינען סלאַוווטע. מיר רעדן וויַיטער באַריכות וועגן דער דאָזיקער דרוקעריַי. דאָ ווילן מיר נאָר פֿעסטשטעלן, אַז דעם גרויסן שם האָט די דאָזיקע דרוקעריַי, וואָס איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון חסידים, באַקומען דווקא דורך די שס, וואָס זענען דאָרט געדרוקט געוואָרן און צעכאַפּט געוואָרן אין אַלע תּפֿוצות־ישׂראל און פֿריִער פֿאַר אַלץ אין דער לומדיש־מתנגדישער ליטע. איידער ווילנע האָט נאָך געטראַכט אַרויסצוגעבן דעם שס האָט סלאַוווטע אין משך פֿון 20 יאָר, צווישן 1801—1822, אָפּגעדרוקט און פֿאַרקויפֿט דריַי אויפֿלאַגעס פֿון דעם תּלמוד־בבֿלי.[4]

פֿון דער גאַנצער „חסידיש־מתנגדישער" השגה פֿון די אוקראַיִנער דרוקעריַיען איז ריכטיק נאָר, אַז די מערהייט פֿון די וואָס האָבן זיך מתעסק געווען אין די דאָרטיקע דרוקעריַיען זענען געווען פֿון דער חסידישער סבֿיבֿה. דעם סוד פֿון דער פּרוכפּערדיקייט פֿון אוקראַיִנער באָדן פֿאַר די ייִדישע דרוקעריַיען דאַרף מען בכן זוכן אויך אין אַנדערע ערטער און אַנדערע גורמים. דאָס וועל איך זיך באַמיִען דאָ צו דערוויַיזן.

איידער איך קום צו ייִדישע מאָמענטן, וויל איך דאָ באַמערקן, אַז אוקראַיִנע איז געווען גאָר שפּעדיק אין פּרט פֿון ניט־ייִדישע דרוקעריַיען. אין 1924 האָט מען אין אוקראַיִנע געפּראַוועט דעם 350־יאָריקן יובֿל פֿון דער פּובליקאַציע פֿון דעם ערשטן אוקראַיִנישן בוך. עס איז אַפֿילו דעמאָלט אַרויס אַ ספּעציעלער יובֿל־נומער פֿון דעם ביבליאָגראַפֿישן זשורנאַל ביבליאָלאָהיטשני וויסטי, אָפּגעגעבן דער דאָזיקער דאַטע. אין דעם זשורנאַל איז פֿאַראַן אַן אַרבעט פֿון דעם אוקראַיִנישן ביבליאָגראַף סערגיי מאַסלאָוו וועגן די דרוקעריַיען אין אוקראַיִנע פֿון 16טן ביזן 18טן יאָרהונדערט. פֿון דער דאָזיקער אַרבעט וועלן מיר אַרויסנעמען אַ פּאָר פּרטים, וואָס פֿון זיי וועלן מיר קענען מאַכן אַ פּאָר אויספֿירן און אויך געוויסע פֿאַרגליַיכן מיט אונדזער ענין.

שוין אין 1575 איז אין אָסטרע, וואָלין, געווען אַ דרוקעריַי, אונטער דער אַפּוטרופּסות פֿון דעם פֿירשט אָסטראָזשסקי. ער האָט אַרויסגערופֿן פֿון לעמבערג דעם דרוקער איוואַן פֿעדאָראָוו און מיט אים געמאַכט אַן אָפּמאַך אָפּצודרוקן אין דער אָסטרער דרוקעריַי דעם נײַעם טעסטאַמענט. דאָס בוך, וואָס האָט 1256 צוויי־עמודימדיקע זײַטן, צו 50 שורות אויף אַ זײַט, איז אַרויס אין 1588. די דאָזיקע אויסגאַבע ווערט באַטראַכט ווי גאָר וויכטיק און באַוויַיזט די הויכע

[4] רפאל נתן נטע רבינוביץ, מאמר על הדפסת התלמוד, ירושלים, תשי״ב, זז׳ קכז—קלב, קלד, קלו, קלח, קמ, קמב—קמד, רלט, רמג.

מדרגה פֿון דער דאָרטיקער דרוקערײַ. זי האָט עקסיסטירט ביז 1612 און איז יעמאָלט (שוין נאָכן טויט פֿון פֿירשט אָסטראָזשסקי) אַריבער צו דער קיִעוור פּעטשאָרער לאַווריע.

ווײַטער ווערן דאָרט אָנגעגעבן די דרוקערײַען וואָס עקסיסטירן אין אוקראַיִנע אין פֿאַרשיידענע צײַטן אין 17טן י״ה. אין 18טן י״ה זײַנען צוגעקומען נאָך 6 דרוקערײַען.

די מערהייט פֿון די אויסגערעכנטע דרוקערײַען זענען געווען קריסטלעך־רעליגיעזע. זיי האָבן עקסיסטירט אָדער בײַ קלויסטערס אָדער בײַ פּריצים.

די דאָזיקע פֿאַקטן באַווײַזן, אַז וואָלין און פּאָדאָליע זענען וואָס שייך דרוקערײַען ניט געווען קיין קרקע־בתולה. אין משך פֿון אַ פּאָר הונדערט יאָר, איידער עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע ייִדישע דרוקערײַען, האָט מען שוין אין דעם געגנט געוווּסט פֿון דער דאָזיקער קונסט.

מען דאַרף אויך משער זײַן, אַז די דאָרטיקע ייִדן, וואָס זענען געווען אין גאָר נאָענטע האַנדלס־באַציִונגען מיט די פּריצישע הויפֿן און די קלויסטערס, האָבן געוווּסט וועגן דער עקסיסטענץ פֿון די דאָזיקע דרוקערײַען. מעגלעך אַז געוויסע אײַנריכטונגען און מכשירים פֿון די ייִדישע דרוקערײַען זענען געווען „אויסגעבאָרגט״, בכל־אופֿן נאָכגעמאַכט, פֿון די פּריצישע דרוקערײַען.

טייל דרוקערײַען וואָס ייִדן האָבן שפּעטער געשאַפֿן אין דעם געגנט זענען געווען מיט דער הסכּמה, אונטערן פּראָטעקטאָראַט און אין געוויסע פֿאַלן אַפֿילו מיט דער מיטהילף פֿון פּריצים — די בעלי־בתּים פֿון די שטעט.

דער ענין דרוקערײַען איז בכן אין דעם געגנט ניט געווען קיין נײַע המצאה. עס וואָלט געווען ניט נאַטירלעך ווען דער עם־הספֿר וואָלט ניט אויסגענוצט זײַן געניטשאַפֿט און די געגעבענע מעגלעכקייטן פֿאַר זײַנע אייגענע ספֿרים.

נאָך איין מאָמענט איז וויכטיק אין אונדזערע באַטראַכטונגען. נאָך דעם באַקאַנטן דיספּוט פֿון די פֿראַנקיסטן מיט די רבנים אין 1757, איז אַרויס די גזירה צו פֿאַרברענען דעם תּלמוד, און עס זענען יעמאָלט אין קאַמעניץ־פּאָדאָלסק פֿאַרברענט געוואָרן ניט דווקא טויזנטער גמרות, נאָר אויך טויזנטער אַנדערע ספֿרים, וואָס מען האָט צונויפֿגעבראַכט פֿון אַלע שטעט און שטעטלעך פֿון פּאָדאָליע. ס׳איז על־כּן אין דעם געגנט געווען אַ גרויסער פֿאַרלאַנג נאָך אַ ייִדישן ספֿר, אַ סך מער ווי אין די ליטוויש־ווײַסרוסישע געגנטן. איז עס טאַקע נאַטירלעך, אַז ווען 3 יאָר נאָך דער דאָזיקער שׂרפֿת־התּלמוד איז געשאַפֿן געוואָרן די ערשטע מעגלעכקייט פֿון אָנהייבן דרוקן ייִדישע ספֿרים (אָלעקסניץ 1760) האָט די דאָזיקע אונטערנעמונג גאָר שטאַרק מצליח געווען. דער נאָכפֿרעג אויף דעם מין סחורה איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט זיך ייִדישע אונטערנעמערס געלוינט צו אינוועסטירן קאַפּיטאַל, צײַט, ענערגיע — בפֿרט, אַז דאָס איז נאָך געווען אַ מלאכת־הקודש. עס האָט זיך זיי אַפֿילו געלוינט צו אימפּאָרטירן אַרבעטערס פֿון דער פֿרעמד, ווי מיר וועלן עס זען ווײַטער.

עס איז אויך נייטיק אונטערצושטרײַכן די ראָלע וואָס עס האָט געשפּילט די שכנותדיקייט און די פֿאַרבינדונג פֿון דעם דאָזיקן שטח מיט גאַליציע.

ערשטנס, גאָר אַן אָנזעעוודיקע צאָל דרוקערס און קאָרעקטאָרן אין די

ערשטע אוקראַיִנער דרוקערײַען זענען געקומען פֿון לעמבערג און זשאָלקעוו (ווו עס זענען געווען ייִדישע דרוקערײַען), פֿון סקויל, דוקלע, קריסטינאָפּאָל, טאַרנאָפּאָל, סאַטאַנאָוו און קאָלאָמיי. מיר טרעפֿן אויך גאַליציאַנער מעצענאַטן און אונטערנעמערס וואָס לייגן צו אַ האַנט צו די אוקראַיִנער דרוקערײַען. אָבער עס איז געווען נאָך אַ מאָמענט, אַ גאַר ממשותדיקער. מען קאָן אָננעמען, אַז אַ געוויסער טייל פֿון דער אוקראַיִנער ייִדישער ספֿרים־פּראָדוקציע איז געגאַנגען קיין גאַליציע. אמת, אין גאַליציע זענען געווען ייִדישע דרוקערײַען, און ראשית־כּל די גאַר אַקטיווע אין לעמבערג און אין זשאָלקעוו, אָבער עס זענען געווען סיבות, וואָס האָבן געצוווּנגען אַרײַנצוברענגען (ריכטיקער, אַרײַנצושמוגלען) קיין גאַליציע ספֿרים, וואָס מען האָט דאָרטן ניט געקענט דרוקן.

מיר קומען דאָ צום קאַפּיטל צענזור אין עסטרײַך. צווישן די יאָרן 1785 און 1820 איז אין עסטרײַך געפֿירט געוואָרן אַ קאַמף קעגן אַ געוויסן מין ייִדישע ספֿרים. עס איז דער קאַמף פֿון די משׂכּילים קעגן „נאַרישן פֿאַנאַטיזם און אײַנגלייבעניש", אין וועלכן זיי האָבן באַוויזן אַרײַנצושלעפּן די אָפֿיציעלע עסטרײַכישע קרײַזן און גאָר באַזונדער דעם צענזאָר, דעם משׂכּיל הערץ האָמבערג. מיר וועלן פֿון דאָזיקן קאַפּיטל נאָר אַרויסנעמען יענע פּרטים וואָס וועלן באַשטעטיקן אונדזער הנחה, אַז גאַליציע איז געוואָרן אַן אָפּזעצמאַרק פֿאַר אַ געוויסן מין ספֿרים.

אין אַ דעקרעט וואָס איז פּובליקירט געוואָרן אין 1785, אין די צײַטן פֿון קייסער יאָזעף דעם צווייטן, ווערט פֿאַרווערט צו דרוקן אין גאַליציע ייִדישע ספֿרים וואָס האָבן אין זיך „נאַרישע סגולות וועגן אַרויסטרײַבן שדים און אַנדערע זאַכן".

אין 1794 איז אַרויס אַ הויפּדעקרעט וואָס האָט אויך פֿאַרווערט דעם דרוק פֿון קבלה־ספֿרים און „קאַזויִסטישע" ווערק, דאָס הייסט פּילפּול־ספֿרים. אין 1800 איז אַרויס אַ קיניגלעכער דעקרעט, וואָס האָט פֿאַרווערט, אָנהייבנדיק פֿון 1802, אַרײַנצופֿירן פֿון אויסלאַנד ייִדישע רעליגיעזע ביכער, סײַ אין דער העברעיִשער, סײַ אין דער ייִדישער שפּראַך. הערץ האָמבערג, איינער פֿון די שאַרפֿסטע קעמפֿערס קעגן דעם „פֿאַנאַטיזם", האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם פֿריִערדיקן דעקרעט פֿון 1794 און האָט אין 1811 אויסגעאַרבעט אַ מעמאָראַנדום, אַז מען זאָל פֿאַרווערן ניט נאָר ספֿרים, ווו עס רעדט זיך וועגן טײַוואָלים, אָדער ספֿרים מיט „איבערגעשפּיצטע" הערות און פּירושים אויף אַלטע שטעלן פֿון דער תּורה, ניט נאָר קבלה־ספֿרים, נאָר אויך אַלע נײַע ווערק פֿון אַ תּלמודיש־רבנישן אינהאַלט.

ד"ר רפֿאל מאַהלער גיט אַזאַ סך־הכּל פֿון די רדיפֿות אויפֿן ספֿר אין גאַליציע:

אַלע באַמיִונגען פֿון דער עסטרײַכישער צענזור צו אונטערדריקן די חסידישע און קבלה־ליטעראַטור זענען לכתּחילה געווען פֿאַרמישפּט אויף אַ דורכפֿאַל. די חסידישע באַוועגונג וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער סאָלידאַריטעט פֿון אירע מיטגלידער איז אַ דאַנק איר מאַסן־פֿאַרנעם געווען בכּוח אַנטקעגנצושטעלן די גזירות פֿון דער רעגירונג מער ווידערשטאַנד, איידער אַלע אָרגאַניזירטע פּאָליטישע באַוועגונגען אין דער עסטרײַכישער מאָנאַרכיע. חסידים פֿלעגן אַרײַנ־

שמוגלען פֿאַרבאָטענע ספֿרים פֿון שכנותדיקן רוסלאַנד מיט די זעלביקע המצאָות ווי די עסטרײַכישע בוכהענדלערס... די שבֿחי־הבעש"ט, דער זוהר און אַנדערע חסידישע און קבלה־ספֿרים האָבן זיך געפֿונען אין די ספֿרים־שענק פֿון גאַליציאַנער ייִדן.[5]

אַז די דאָזיקע פֿעסטשטעלונגען זענען ריכטיק, דערציילט אונדז טאַקע דער פּראָצעס קעגן דעם זשידיטשויווער רבי, ר' הירש אײַכענשטיין. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין אַרײַנשמוגלען פֿון רוסלאַנד פֿאַרבאָטענע חסידישע ספֿרים מיט דער הילף פֿון אַ רוסישן ייִד, יעקבֿ מאיר. אין יולי 1818 האָט זיך אָנגעהויבן די אויספֿאָרשונג קעגן אים. פֿון די אַקטן פֿון דעם דאָזיקן ענין, ווו עס ווערט, צווישן אַנדערע, אָנגעגעבן די רשימה פֿון די פֿאַרנומענע ספֿרים, דערוויסן מיר זיך, אַז צווישן די דאָזיקע „טרייפֿענע" ספֿרים זענען דאָ אַזעלכע וואָס האָבן זיך געדרוקט אין די ווײַטערדיקע ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע: אָסטרע, באַרדיטשעוו, דובנע, זשיטאָמיר, מאָהילעוו, מעזשביזש, סלאַוווטע, פּריצק, פּולנאָע, קאָריץ און ראַדוויל. הכלל, די אוקראַיִנער ייִדישע דרוקערײַען האָבן געהאַט אַ גאָר ברייטן אָפּזעצמאַרק פֿאַר זייערע ספֿרים אין שכנותדיקן לאַנד. מיט דער גרענעץ האָבן זיי משמעות זיך אַן עצה געגעבן.

עס ווערן אַזוי אַרום אויך פֿאַרענטפֿערט די פֿאַרשיידענע נוסחאָות אויף די שער־בלעטער און דאָס פֿעלן פֿון דרוקערטער און דאַטעס אין געוויסע ספֿרים וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין די ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע.

## ב. ווו האָבן עקסיסטירט ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע, ווען האָבן זיי עקסיסטירט און ווער זענען געווען זייערע בויערס?

געוועזן איז עס די צײַט ווען מען האָט זיך געריכט אויף געוויסע „רעפֿאָרמען" און די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעהויבן פֿאַראייניקייטלעכן דעם יורידישן סטאַטוס פֿון די „נײַ־אײַנגענומענע" שטחים מיט די אַלטע געגנטן פֿון רוסלאַנד. דעם 16טן אָקטאָבער 1802 האָט דער מיניסטער פֿאַר פֿאָלקסבילדונג פּ. וו. זאַוואַדאָווסקי זיך געוואָנדן צום יוסטיץ־מיניסטער דערזשאַווין מען זאָל אויפֿנעמען ידיעות וועגן די דרוקערײַען, וואָס זענען אַריבער אין רשות פֿון בילדונג־מיניסטער. בכלל האָבן די דרוקערײַען עקסיסטירט לויט אַ ספּעציעלן באַפֿעל וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן אין 1783 די קייסערין קאַטערינע די צווייטע. לויט דעם דאָזיקן דעקרעט האָט מען געקענט פֿרײַ עפֿענען דרוקערײַען, און ייִדן האָבן טאַקע דעם דאָזיקן באַפֿעל אויסגענוצט. איצט בײַ דער גרייטונג פֿון די „רעפֿאָרמען" האָט מען געוואָלט אַרײַנברענגען אין דאָזיקן ענין מער אָרדענונג. אין הסכּם מיט אַן אָנווײַז פֿון יוסטיץ־מיניסטער האָט זאַוואַדאָווסקי אַרויסגעשיקט דעם 23סטן נאָוועמבער 1802 אַ צירקולאַר צו 40 מיליטערישע און ציווילע אַמטן ווו עס האָבן זיך געפֿונען די ווײַטערדיקע פֿראַגעס:

(1) צי געפֿינט זיך אין אײַער גובערניע אַ דרוקערײַ? אין וועלכע שטעט?

[5] השׂכּלה און חסידות אין גאַליציע, ניו־יאָרק, 1942, ז' 141.

(2) ווען, דורך וועמען און מיט וועמענס דערלויבעניש איז די דאָזיקע דרוקערײַ פֿאַרלייגט געוואָרן? (3) וואָס פֿאַר אַ פּריווילעגיעס האָבן זיי דעמאָלט באַקומען? (4) ווער האָלט זיי איצט? (5) אויף וועלכע שפּראַכן דרוקן זיי? (6) וואָסערע ביכער און מאַפּעס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן זינט די דרוקערײַ איז געשאַפֿן געוואָרן?[6]

די דאָזיקע ענטפֿערס האָבן געגעבן אַ גאָר וויכטיקן מאַטעריאַל וועגן דעם דאָזיקן אָפּשניט אין רוסלאַנד בכלל און צוגעשטעלט גאָר ווערטיקע מאַטעריאַלן פֿאַר דער טעמע וואָס מיר באַהאַנדלען. מיר דערוויסן זיך בעיקר וועגן די ערשטע ייִדישע דרוקערײַען, וואָס האָבן עקסיסטירט פֿאַר 1802, ווען דער צירקולאַר איז אַרויסגעשיקט געוואָרן. מיר האָבן אַזוי אַרום, און דורך אויסניצן אַנדערע ביבליאָגראַפֿישע אַרבעטן, באַקומען אַ רשימה פֿון 38 פּונקטן ווו עס האָבן עקסיסטירט ייִדישע דרוקערײַען.

אין דער דאָזיקער צאָל גייען אַרײַן אויך צוויי שטעט וואָס אייגנטלעך געהערן זיי צו גאַליציע און זענען געווען אונטערגעוואָרפֿן דער עסטרײַכישער יוריסדיקציע — זבאַראַזש און טאַרנאָפּאָל. די דאָרטיקע ייִדישע דרוקערײַען זענען געשאַפֿן געוואָרן אין די יאָרן ווען דער געגנט איז געווען פֿאַרנומען דורך דער רוסישער מאַכט און די דערלויבענישן פֿאַר די דאָזיקע דרוקערײַען זענען טאַקע אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די רוסישע אָקופּאַציע־קאָמענדאַנטן. זיי געהערן בכן, ווי מיר וועלן עס זען בײַם באַשרײַבן די דרוקערײַען פֿון די דאָזיקע שטעט, צו דער זעלביקער קולטור־ און טעטיקייט־ספֿערע ווי די אַנדערע 36 דרוקערײַען.

מיר דערמאָנען חוץ לחשבון צוויי קאַראַימישע דרוקערײַען. איין דרוקערײַ (גאָזלאָוו־יעוופּאַטאָריע) איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון איינעם פֿון די פּראָדוקטיווסטע בויערס פֿון די אוקראַינער ייִדישע דרוקערײַען, יעקבֿ פֿינקלמאַן. זיי געהערן צו דער אַדמיניסטראַטיווער רעם פֿון דער געגנט וואָס אונדזער אַרבעט נעמט אַרום (טאַווריטשער גובערניע). מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט (מיט איין אויסנעם — אַדעס) אויף דעם צײַטאָפּשניט פֿון דעם בראשית פֿון די ייִדישע דרוקערײַען ביז דעם געזעץ פֿון 1836, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער צעצווײַגטער ייִדישער דרוק־אינדוסטריע.

## שטעט ווו עס זענען געווען דרוקערײַען

דער סדר פֿון די שטעט איז לויטן אַלף־בית. עס זענען דאָ אַרײַנגענומען די שטעט אין פּאָדאָליער און קיִעווער געגנטן, צוויי שטעט פֿון גאַליציע (זבאַראַזש און טאַרנאָפּאָל) ווו עס זענען געשאַפֿן געוואָרן דרוקערײַען אין דער צײַט ווען די דאָזיקע שטעט זענען געווען אונטער רוסישער הערשאַפֿט. די צוויי קאַראַימישע דרוקערײַען אין גאָזלאָוו־יעוופּאַטאָריע און קלעאָ־טשופוט קומען צום סוף פֿון דער רשימה.

[6] „זאַמלונג פֿון מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון דער אויפֿקלערונג אין רוסלאַנד, אַרויסגענומען פֿון דעם אַרכיוו פֿון דעם פֿאָלקסבילדונג־מיניסטעריום“ (רוסיש), פּעטערבורג, 1897, צווייטער באַנד.

## אַ ד ע ס

די דאָזיקע שטאָט איז די ערשטע אין אונדזער רשימה, הגם זי געהערט צו אַ צווייטער תּקופֿה אין דער געשיכטע פֿון ייִדישע דרוקערײַען אין רוסלאַנד. די אַדעסער ייִדישע בוך־דרוקערײַען האָבן זיך געעפֿנט אין 1862, ווען עס זײַנען בטל געוואָרן די באַפֿעלן פֿון 1836 און 1845, וואָס האָבן באַגרענעצט ייִדישע דרוקערײַען אין רוסלאַנד צו בלויז צוויי אין גאַנצן לאַנד. אָבער אויך פֿאַר דער דאָזיקער דאַטע, 1862, האָט אַדעס איר אייגן שטיקל געשיכטע אין שײַכות מיט דרוקערײַען.

ש. באַראָוואָי האָט אויפֿן סמך פֿון אַרכיוו־מאַטעריאַלן פֿון „אַדעסער קאָמיטעט פֿון אינערלעכער צענזור" אַרויסגעבראַכט גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די פּרוּוון צו שאַפֿן אין אַדעס אַ ייִדישע דרוקערײַ אײדער די פֿריִער דערמאָנטע באַפֿעלן זענען בטל געוואָרן.[7]

אין 1850 האָט דער סוחרישער זון שמואל וואַרשאַווסקי דערלאַנגט אַ בקשה דעם מיניסטער פֿאַר פֿאָלקסבילדונג וועגן דערלויבן אין איינער „פֿון די שטעט פֿון כערסאָנער גובערניע" (משמעות טאַקע אַדעס) צו עפֿענען אַ ייִדישע דרוקערײַ ווי אויך אַרויסצוגעבן „בלעטלעך אין זשאַרגאָן כּמו אַ צײַטונג". דער מיניסטער האָט די דאָזיקע בקשה אַפֿילו ניט באַטראַכט.

די ווײַטערדיקע פּרוּוון זענען געמאַכט געוואָרן פֿון די אַדעסער משׂכּילים מיט אַקסענפֿעלדן בראָש. אין 1860 האָבן די דאָזיקע משׂכּילישע קרײַזן צוגעשיקט אַ ווענדונג צום אַדעסער צענזור־קאָמיטעט, ווו זיי שרײַבן:

> די בעלי־בתּים פֿון דער [!] ווילנער און זשיטאָמירער דרוקערײַען, באַזונדערס פֿון דער לעצטער, קענען ניט באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן פֿון אונדזער לייענער־עולם צוליב פֿאָלגנדיקע סיבות: (1) זיי דרוקן נאָר ווערק פֿון דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור, אָדער סידורים און איבערזעצונגען דערלאַזנדיק דערבײַ פֿאַרשיידענע נאַכלעסיקייטן; (2) זיי לייגן וויניק אַכט אויף דער שפּראַך און (3) אויסניצנדיק זייערע מאָנאָפּאָלישע רעכט באַשטימען זיי פּרײַזן, וואָס שטימען ניט מיט דעם אמתן ווערט פֿון די ביכער.

דערבײַ ווערט אויך אָנגעוויזן, אַז היות אין 1859 (2טן אָקטאָבער) האָט אַלעקסאַנדער צעדערבוים באַקומען פֿון ייִדן־קאָמיטעט מיט דער הסכּמה פֿון זײַן „קײַזערלעכער הויכקייט" דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אין אַדעס אַ ייִדישע צײַטונג (געמיינט דעם המליץ וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דעם 29סטן סעפּטעמבער 1860), וועט בכן ניט זײַן קיין שוועריקייט מיט דער צענזור... אַ פּאָר מאָל האָט אַקסענפֿעלד באַנײַט זײַן ווענדונג. די לעצטע איז געווען בזה הנוסח:

היות ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ביז 1862 איז פֿאַראַן אַ קאָנטראַקט צווישן דער רעגירונג און די עקסיסטירנדיקע צוויי דרוקערײַען (אין ווילנע און זשיטאָמיר), בעט ער אַז אין 1862 זאָל מען אים דערלויבן צו עפֿענען אַ דרוקערײַ

---

[7] ש. באַראָוואָי, „אַקסענפֿעלדס פּרוּוו צו גרינדן אַ דרוקערײַ", ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך, באַנד 1, 1930, מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק, זז' 93—103.

אין אַדעס, ווײַל פֿון דעם הענגט אָפּ אַ ניצלעכע זאַך פֿאַר 90 פּראָצענט ייִדן אין רוסלאַנד בכלל, און אַדעסער ייִדן בפֿרט.

ווען די אַלטע געזעצן קעגן די דרוקערײַען זענען בטל געוואָרן אין 1862 האָט טאַקע אַדעס אָנגעהויבן פֿאַרנעמען אַ גאַר חשובֿ אָרט אין דער צוואַנציקסטער ייִדישער דרוק־אינדוסטריע און פֿאַרלעגערײַ אין רוסלאַנד, און בײַם סוף פֿון 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט זיך דערשלאָגן צו די ערשטע פּאָזיציעס.

## אַ ל ע ק ס נ י ץ, װאָלינער גובערניע

אין דעם דאָזיקן, גאָר אַלטן ייִדישן ייִשובֿ, וואָס איז געווען דאָס אייגנס פֿון פֿירשט יוזעף טשאַרטאָריסקי, איז משמעות געווען די ערשטע ייִדישע דרוקערײַ אין דעם געגנט. זי האָט עקסיסטירט אין דער זעלבער צײַט מיט דער באַרימטער דרוקערײַ אין זשאָלקעוו. שוין אין 1760 איז דאָ אַרויס אַ ספֿרל וועגן הלכות־מליחה (בית־מלח) אויף ייִ ד י ש פֿון דעם בעל־תּוספֿות־יום־טובֿ, ר׳ יום־טובֿ ליפּמאַן העלער.

נאָך דעם דאָזיקן ערשטלינג איז געקומען אַ שטיקל הפֿסקה און ערשט אין 1766 ווערט דאָרטן אויף ס׳נײַ געעפֿנט אַ דרוקערײַ דורך ר׳ צבֿי־הירש מרגליות. דער דאָזיקער צבֿי־הירש איז געווען דער פּיאָניר פֿון ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַינע. ניט נאָר ער, נאָר זײַן גאַנצע משפּחה איז אַרײַנגעפֿלאָכטן אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג, גאָר באַזונדערס זײַן איידעם שמואל בן ישׂכר־בער סג״ל, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי שמואל מדפּיס. מיר רעדן ווײַטער מער באַריכות וועגן אים.

בײַם אײַנשטעלן די דרוקערײַ אין אַלעקסניץ האָט געאַרבעט איינער, וואָס האָט הינטער זיך געהאַט אַ געניטשאַפֿט פֿון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט אין ייִדישער דרוקאַרבעט. דאָס איז געווען אַבֿרהם בן אַבֿי־עזרי זעליג פֿון דער שלעזישער שטאָט גלאָגאָו. ביז זײַן קומען אין דער אַלעקסניצער דרוקערײַ האָט ער שוין געהאַט געאַרבעט אין די ווײַטערדיקע ייִדישע דרוקערײַען אין דײַטשלאַנד: אין בערלין — אין 1711־1712; אין זולצבאַך — אין 1719־1720; אין אָפֿענבאַך — אין 1721; אין ווילהעלמשדאָרף און דיהרנפֿורט — אַרום 1726; אין וואַנדזבעק — אין 1732־1733; אין האַמבורג (העסן) — אין 1736־1745. ווען ער איז געקומען אין אַלעקסניץ איז ער שוין געווען אין טיפֿן עלטער.

די אַלעקסניצער דרוקערײַ האָט געהאַט אַ שטיקל איבעררײַס בעת דעם הײַדאַמאַקישן אויפֿריר פֿון גאָנטען (1768). עס האָט טאַקע געדויערט 3 יאָר, ביז 1772, ביז עס איז דאָרטן אַרויס דער שוין פֿריִער דערמאָנטער אַנטי־חסידישער פּאַמפֿלעט זמיר עריצים וחרבות צורים. ר׳ צבֿי־הירש מרגליות איז דאָרטן געווען ביזן יאָר תּקל״ו (1776) און האָט יעמאָלט אַריבערגעפֿירט זײַן דרוקערײַ קיין קאָריץ.

ווײַזט אויס, אַז אויך נאָך מרגליותעס פֿאַרלאָזן אַלעקסניץ איז נאָך דאָרטן געווען אַ דרוקערײַ, ווײַל מיר ווייסן וועגן אַ פּראָצעס קעגן די בעלי־בתּים פֿון אַן אַלעקסניצער ייִדישער דרוקערײַ, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין 1780. זיי

זענען באַשולדיקט געוואָרן פֿון דעם בעל־הבית פֿון שטעטל אין אַ רײ שטײַער־פֿעלשונגען, וואָס זײ זאָלן האָבן באַגאַנגען אין שײַכות מיט דער דרוקערײַ. פֿאַרן געריכט זענען געשטאַנען די אַלעקסניצער דרוקער־בעלי־בתּים: אַב־ראַמקאָ הערשקאָוויטש, יאָוועל [יואל] מאָרטקאָוויטש, אָשר מאַיאָרקאָוויטש, מאַנאַשקאָ [מנשה] יאָשיִאָוויטש און אַ געוויסער משה, ווי אויך דער בעל־הבית פֿון שטעטל קאָזשימיעזש טשאַרטאָריסקי. דאָס געריכט האָט די דרוקערײַ־בעלי־בתּים באַשטראָפֿט מיט 800 גילדן קנס און דעם פּריץ באַפֿוילן, ער זאָל צוהיטן, אַז די ייִדן, זאָלן אײַנצאָלן די אַרויפֿגעלייגטע שטראָף.[8]

## אָ ס ט ר עָ, וואָלין

לויט די תּשובֿות פֿון דער אָרטיקער צאַרישער אַדמיניסטראַציע אויף דעם אָנפֿרעג פֿון מיניסטער פֿאַר פֿאָלקסבילדונג אין 1802 איז דאָרטן די ייִדי־שע דרוקערײַ געעפֿנט געוואָרן דעם 20סטן מאַרץ 1792 דורך די אָרטיקע אײַנ־וווינערס שמואל בערקאָוויטש (דאָס איז דער פֿריִער דערמאָנטער שמואל בן ישׂשׂכר־בער סג״ל) און אַהרן יעשייאָוויטש. די דערלויבעניש האָבן זיי באַקומען פֿון דעם שטאָט־בעל־הבית, דעם רעפֿערענדאַר מאַלאַכאָווסקי. די ספֿרים וואָס זענען דאָרט געדרוקט געוואָרן זענען צענזורירט געוואָרן פֿון צענזוראַמט אין ריגע. די ערשטע אָסטרער ספֿרים, וואָס די ייִדישע ביבליאָגראַפֿיע פֿאַרצייכנט, זענען אָבער פֿון 1793 און די דרוקערײַ־בעלי־בתּים זענען אַבֿרהם בן יצחק־אײַזיק פֿון קאָריץ און זײַן שותּף אַהרן בן יונה (אפֿשר איז עס דער פֿריִער דערמאָנטער אַהרן יעשייאָוויטש?). די שותּפֿים זענען זיך צעגאַנגען. אַהרן בן יונה איז אַרויס און זײַן אָרט האָט פֿאַרנומען ר׳ אליהו בן יעקבֿ, אויך אַ קאָ־ריצער. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1796, האָט דער פֿריִער דערמאָנטער ר׳ אַהרן בן יונה אָוועקגעשטעלט אַ צווייטע דרוקערײַ. ער האָט ווי זײַן עמבלעם גע־נומען דעם דרוקער־צייכן פֿון דעם קריסטלעכן דרוקער יאָהאַן קריגער פֿון נאָווידוואָר בײַ וואַרשע, וואָס האָט אַ געוויסע צײַט אויך געהאַט אַ דרוקערײַ אין קאָריץ. אין 1800 איז אויפֿגעקומען אַ דריטע דרוקערײַ, געשאַפֿן פֿון איינעם ר׳ אליהו בן יצחק מיט אַ שותּף. אין 1801 עפֿנט דאָ אויף ס׳נײַ אַ דרוקערײַ ר׳ שמואל בן ישׂשׂכר־בער סג״ל, דער געוועזענער בעל־הבית פֿון די דרוקערײַען אין קאָריץ, אין פּולנאָע און פֿון דער ערשטער דרוקערײַ אין אָסטרע גופֿא. אַרום 1814 ווערט דאָ געשאַפֿן נאָך אַ דרוקערײַ, פֿון זכריה בן יהודה, דער דיין פֿון אָסטרע. (אַגבֿ האָט דער דאָזיקער דרוקער אויף טייל ספֿרים, וואָס ער האָט געדרוקט, אָנגעגעבן פֿרעמדע דרוקערטער: מינקאָוויץ, קאַרלסרוהע.) 1815 ווערט דאָ געשאַפֿן נאָך אַ דרוקערײַ, פֿון ר׳ אליעזר־פֿײַוול בן משה אײַזנבערג. די דאָזיקע דרוקערײַ האָט עקסיסטירט בערך 20 יאָר, ביז אַרום 1835. אין 1825 איז געשאַפֿן געוואָרן נאָך אַ דרוקערײַ, פֿון די שותּפֿים אַבֿרהם קלאָהרפֿײַן און דוד בן יצחק־מרדכי. זיי האָבן זיך שפּעטער צעטיילט. געבליבן בײַ דער

---

[8] עמנואל רינגעלבלום, צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן בוך און דרוקוועזן אין פּוילן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט, ווילנע 1936, זז׳ 33־34.

דרוקעריי איז אַבֿרהם קלאַהרפֿײַן ביז 1836, ווען עס איז אַרויס דער צאַרישער באַפֿעל צו ליקווידירן די ייִדישע דרוקערײַען.

אָסטרע, ווי מיר זעען, האָט געהאַט אַ שפּע פֿון ייִדישע דרוקערײַען. ניט אומזיסט האָט זיך אָסטרע גערימט מיט איר אינטעלעקטועלן ייִחוס און אַפֿילו אויסגעפֿונען אַן אָנדײַט אויף דעם אין דעם נאָמען פֿון דער שטאָט — אָסטרע מיינט אות תורה. אין די אָסטרער דרוקערײַען האָבן, אַחוץ אָרטיקע דרוקערס, געאַרבעט קאָרעקטאָרן, זעצערס און דרוקערס פֿון: פּריצק, קאָריץ, אַלעקסניץ, מעזריטש־קטן און... שטאַמבול. עס זענען פֿאַראַן ספֿרים אויף וועלכע עס געפֿינט זיך דער דרוקאָרט אָסטרע מיט גאָר שפּעטערדיקע דאַטעס (1851). דאָס איז אַ מיסטיפֿיקאַציע. דעם זאַץ פֿון אָסטרער דרוקעריי האָט אָפּגעקויפֿט דער דרוקער דוד־סעדיה־ישעיה וואַקס פֿון יוזעפֿאָף, ביי בילגאָריי, לובלינער געגנט. ער פֿלעגט אויף טייל פֿון די ספֿרים, וואָס ער האָט געדרוקט, אָנגעבן אויפֿן שער־בלאַט אַז זיי זענען געדרוקט „בתכנית אותיות אשר היו לפנים באוסטרהא", ד"ה אין דער פֿורעם פֿון די אותיות וואָס זענען געווען פֿריִער אין אָסטרע. דאָס וואָרט אוסטרהא האָט ער געגעבן מיט קידוש־לבֿנה־אותיות, משמעות ווייל אָסטרער דרוקן זענען געווען חשובֿ. אָבער דאָס איז געווען אַ פּשוטע גנבֿת־דעת־הבריות.

## באָסלעוו, קיִעווער גובערניע

די דאָזיקע דרוקעריי איז געשאַפֿן געוואָרן אין 1819־1820. עס זענען בסך־הכּל באַקאַנט פֿיר ספֿרים וואָס זענען דאָרטן געדרוקט געוואָרן ביז 1821. הגם די ספֿרים האָבן צענזור־דערלויבעניש, ווערט ניט אָנגעגעבן ווער עס זענען געווען די דרוקערס־אַרויסגעבערס און מען ווייסט טאַקע ניט וועגן זיי קיין פּרטים. ד"ר יצחק ריבקינד ווײַזט אָן אַז די ספֿרים וואָס זײַנען דאָרט אַרויסגעגאַנגען האָבן פֿאַרשיידענע שער־בלעטער ווו עס פֿיגורירן פֿאַרשיידענע נעמען.[9] עס ווײַזט אויס, אַז דער טיפּאָגראַפֿישער מאַטעריאַל איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן קיין שׂדה־לבֿן (בעלאַיאַ צערקאָוו), ווו עס איז אין 1822 געשאַפֿן געוואָרן אַ ייִדישע דרוקעריי.

חוץ אָרטיקע אַרבעטערס האָבן אין דער באָסלעווער דרוקעריי געאַרבעט דרוקערס פֿון פּולנאָע און קוזמינסק.

## באַר, פּאָדאָליער גובערניע

מיר האָבן ניט קיין גענויע ידיעות ווען עס זענען דאָרטן געדרוקט געוואָרן ספֿרים, ווער עס זענען געווען די אַרויסגעבערס און וועלכע ספֿרים זענען דאָס געווען.[10] די דאָזיקע שטאָט ווערט אָבער דערמאָנט אין דעם ווינער־הרכּבֿי־קאַטאַלאָג. אין דאָזיקן קאַטאַלאָג ווערט באַר (ווי אויך צוויי אַנדערע שטעט אין אוקראַיִנע: נעמיראָוו און שאַרגאָראָד) באַגלייט מיט אַ באַמערקונג,

[9] קרית ספר, יא, ירושלים, תרצ"ה, ז' 385.

[10] שמואל ווינער און א. הרכּבֿי, רשימת הספרים העברים שנדפסו בארץ רוסיא ומלכות פולין הנועדים לבא בשערי המצבה, פּעטערבורג, 1894 (העברעיִש און רוסיש).

אַז „על פּי השמועה" איז באַוווּסט, אַז דאָרטן זענען געדרוקט געוואָרן ספרים, אָבער ביז יעמאָלט (1894) זענען נאָך די פּרטים ניט געווען באַקאַנט. אין משך פֿון דער צײַט, זינט ווינער־הרכבֿי האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט זייער קאַטאַלאָג, זענען שוין צו דער ייִדישער ביבליאָגראַפֿיע צוגעקומען זייער אַ סך נײַע ידיעות וועגן די אוקראַיִנער דרוקערײַען און מיר וויסן גאָרניט וואָס פֿאַר אַ סורפּריזן עס קענען אונדז ברענגען די, דערווײַל, „פֿאַרפֿרוירענע" אַרכיוון „אויף יענער זײַט פּירהאַנג".

## באַרדיטשעוו, קיִעווער גובערניע

אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָס האָט געהערט צו פֿירשט ראַדזיוויל, איז די ייִדישע דרוקערײַ געשאַפֿן געוואָרן אין 1807. איר גרינדער איז געווען דער פֿריִער שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנטער שמואל בן ישׂשכר־בער סג"ל, באַקאַנט אויך ווי שמואל מדפּיס. ביז באַרדיטשעוו האָט ער שוין הינטער זיך געהאַט אַ געניטשאַפֿט פֿון פֿיר־פֿינף דרוקערײַען (קאָריץ, שקלאָוו, פּולנאָע, אָסטרע און אפֿשר אויך אַלעקסניץ). דאָ האָט ער טאַקע אויסגענוצט זײַן פּראַקטיק און קענטעניש אין דער מלאכת־הקודש פֿון אַרויסגעבן ייִדישע ספרים. עס איז אַ סבֿרא, אַז ער האָט געהאַט אויף דעם אַ הסכּמה פֿון רבי לוי־יצחק באַרדיטשעווער. די דרוקערײַ וואָס ער האָט געשאַפֿן האָט זיך געהאַלטן ביז 1821. זײַנע געהילפֿן זענען געווען זײַן זון יעקבֿ פֿינקלמאַן און זײַן איידעם פּנחס־אליעזר בן מרדכי ביליטש. זיי האָבן שפּעטער אויך אַרויסגעוויזן זייער אַ סך אונטערנעמערישקייט בײַם פֿאַרלייגן דרוקערײַען אין אַ ריי ערטער פֿון וואָלין און פּאָדאָליע.

די דאָזיקע דרוקערײַ האָט געליטן פֿון אַ גרויסער שׂרפֿה און דער בעל־הבית איז געווען געצוווּנגען איבערצוגעבן זײַנע רעכט צו דרוקן אַ ריי גרעסערע ווערק (משנה־תּורה פֿון רמב"ם) צו אַנדערע דרוקערס. אין 1817, ווען דער מאַטעריעלער מצבֿ פֿון דער דרוקערײַ איז שוין געוואָרן בעסער און עס וואָלט מעגלעך געווען צו באַנײַען די דרוקערײַ אויף אַ ברייטן פֿאַרנעם, איז שמואל מדפּיס געשטאָרבן. זײַן זון יעקבֿ פֿינקלמאַן האָט זיך ניט געפֿילט בכּוח אָנצופֿירן מיט דער דאָזיקער אונטערנעמונג און ער האָט פֿאַרקויפֿט דאָס רעכט פֿון דרוקן די משנה־תּורה צו די סודילקאָווער דרוקערס, די שותּפֿים אַבֿרהם בן משה און אַלעקסאַנדער־סענדער בן שלמה, וועלכע האָבן דאָס ווערק געדרוקט אין באַרדיטשעוו. אין 1821, ווען עס איז פֿאַרענדיקט געוואָרן דאָס דרוקן די משנה־תּורה איז יעקבֿ פֿינקלמאַן אַוועק קיין בעלילאָוקע. דער טיפּאָגראַפֿישער מאַטעריאַל האָט איבערגעוואַנדערט קיין סודילקאָוו, ווו שמואל מדפּיסעס איידעם, פּנחס־אליעזר בן מרדכי האָט אויפֿגעשטעלט אַ דרוקערײַ.

נאָך אַ דרוקערײַ איז געשאַפֿן געוואָרן דורך ישׂראל בן אַבֿרהם ב"ק (באַק). אַ געבוירענער אין באַרדיטשעוו אין 1792 האָט ער אַ געוויסע צײַט געאַרבעט אין אַ סלאַוווטער דרוקערײַ ווי אַן אותיות־שניצער. מען האַלט, אַז די באַרימטקייט פֿון סלאַוווטער דרוקן שטאַמט אויך פֿון די גאָר שיינע אותיות, וואָס ישׂראל ב"ק האָט געשניצט. אין 1815 האָט ער, מיט אַ שותּף, חיים־יצחק

בן יחזקאל, געשאַפֿן אין באַרדיטשעוו אַ דרוקעריי. די דאָזיקע דרוקעריי האָט זיך געהאַלטן ביז 1821. ישׂראל ב״ק האָט פֿאַרקויפֿט זײַן דרוקעריי און איז אַריבערגעפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, וווּ ער האָט ממשיך געווען זײַן דרוקערישע טעטיקייט, פֿריִער אין צפֿת און דערנאָך אין ירושלים.

ישׂראל ב״ק ווערט אין ארץ־ישׂראל פֿאַררעכנט ווי דער פּיאָניר פֿון די ייִדישע דרוקערײַען. דאָס האָט ער צוריק באַנײַט די ייִדישע דרוקעריי אין צפֿת אין 1831, נאָך דעם ווי עס זענען אַריבער בערך 250 יאָר זינט עס זענען אונטערגעגאַנגען די ערשטע דרוקערײַען אין ארץ־ישׂראל. די ערשטע ייִדישע דרוקערײַען דאָרטן האָבן עקסיסטירט אין די יאָרן 1577־1587.

אין אַ יובֿל־בוך פֿון ארץ־ישׂראל ווערט גאָר ברייט געשילדערט די גרויסע ראָלע וואָס ישׂראל ב״ק האָט געשפּילט אין ייִשובֿ בכלל און ווי דער פּיאָניר פֿון דער דרוק־אינדוסטריע אין לאַנד.[11] עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיקער באַרדיטשעווער דרוקער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זײַן אַלטע דרוקמאַשין און טיפּאָגראַפֿישן מאַטעריאַל, און נאָך אַ באַרדיטשעווער דרוקער לייבצי גיסער, וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן אין דער שריפֿטגיסערײַ.

פֿאַרן אַרויספֿאָרן פֿון באַרדיטשעוו האָט ישׂראל ב״ק פֿאַרקויפֿט אַ טייל פֿון זײַן דרוקעריי צו מאיר־חיים ראַטענבערגן, וואָס האָט די דרוקעריי געפֿירט ביז 1836, ווען עס איז אַרויס דער צאַרישער באַפֿעל צו פֿאַרמאַכן די ייִדישע דרוקערײַען.

מיט 50 יאָר שפּעטער, אין 1885, ווען עס האָבן שוין אין רוסלאַנד גע־ערשט אַנדערע פֿאַראָרדענונגען וועגן ייִדישע דרוקערײַען איז געשאַפֿן גע־וואָרן אין באַרדיטשעוו אַ נײַע דרוקעריי דורך חיים־יעקבֿ שעפֿטעל. די דאָזיקע דרוקעריי האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין דער דאָזיקער צײַט פֿון וווּקס פֿון ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן און גײַסטיקן לעבן בײַם סוף פֿון 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. די דאָזיקע דרוקעריי האָט עקסיסטירט ביז ערבֿ דעם אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. די באַרדיטשעווער דרוקעריי פֿון שעפֿטעלן האָט זיך אויסגעצייכנט סײַ מיט דער צאָל פֿון די אַרויסגעגעבענע ספֿרים, סײַ מיט זייער אָפּקלײַב און אויך מיט דער אויסשטאַטונג פֿון די ספֿרים און ביכער.

אין די באַרדיטשעווער דרוקערײַען האָבן חוץ אָרטיקע געאַרבעט אויך זעצערס, דרוקערס און קאָרעקטאָרן פֿון אָסטרע, יאַנעווע, טאַרנאָפּאָל, סאַטאַ־נאָוו, סלאַפּקאָוויץ און פּולנאָע.

## בילזורקע, וואָלינער גובערניע

דער בראשית פֿון דער דאָזיקער דרוקעריי דאַטירט זיך פֿון 1806. אין דעם יאָר האָבן ר׳ מרדכי בן שמואל און זײַן זון געשאַפֿן דאָרט אַ דרוקעריי מיט דער שריפֿט און אויסשטאַטונג וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון דער ליקווידירטער דרוקעריי פֿון ר׳ משה בן יוסף אין מינקאָוויץ. ווי עס קומט אויס פֿון אַ הקדמה צו אַ ספֿר, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין 1807 (תקס״ז) איז די דערמאָנטע

[11] מאה שנה, תל־אָבֿיבֿ, 1938, ז׳ 36, 410, 413—422.

דרוקערײַ פֿון מינקאָוויץ אַריבער צו די בילזורקער בעלי־בתּים נאָך אַ דין־תּורה מיט די יורשים פֿון פֿריִערדיקן בעל־הבית. געהאָלפֿן אין דער אַרבעט פֿון דער דרוקערײַ, אין מאַטעריעלן זינען האָט יוסף־זאבֿ־וואָלף בן אליהו פֿון בילזורקע, ווי אויך אַנאָנימע „מופֿלגים נגידים מק״ק לעחוויץ״ (די אוקראַיִנער שטאָט לעכעוויטש). אין 1815 איז אין בילזורקע געווען נאָך אַ דרוקערײַ, וואָס האָט געהערט צום פֿריִער דערמאָנטן מעצענאַט יוסף־זאבֿ־וואָלף. אין דער דרוקערײַ זײַנען געדרוקט געוואָרן ספֿרים אויף עבֿרי־טײַטש. חוץ אָרטיקע דרוקערס זענען דאָ אויך געווען דרוקערס פֿון אַלעקסניץ און מינקאָוויץ.

## בעלילאָווקע, בײַ באַרדיטשעוו

די דאָרטיקע דרוקערײַ איז געשאַפֿן געוואָרן דורך יעקבֿ פֿינקלמאַן, דער זון פֿון באַרימטן פּיאָניר פֿון דרוקערײַען אין וואָלין און פּאָדאָליע שמואל מדפּיס. די דאָזיקע דרוקערײַ האָט ער געשאַפֿן ווען ער האָט פֿאַרקויפֿט זײַן באַרדיטשעווער דרוקערײַ — בערך אין 1823.

אין דער דאָזיקער דרוקערײַ זענען אַרויס אַ פּאָר ספֿרים. דער איינציקער עקזעמפּלאַר סדר תיקון ליל שבועות וליל הושענא רבה, וואָס איז דאָרט אַרויס, געפֿינט זיך אין דער ביבליאָטעק פֿון טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק. יעקבֿ פֿינקלמאַן איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן דער גרינדער פֿון דער קאַראַיִמישער דרוקערײַ אין גאָזלאָוו־יעוופּאַטאָריע.

## בראַצלאַוו

אויב עס קענען זײַן חילוקי־דעות לגבי אַנדערע דרוקערײַען — ווער איז געווען זייער שאַפֿער און וואָס פֿאַר אַ כּוונות זיי האָבן דערבײַ געהאַט — איז וואָס שייך בראַצלאַוו קלאָר: די דאָזיקע דרוקערײַ איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דער איינציקער כּוונה אַרויסצוגעבן חסידישע ליטעראַטור, און ניט סתּם חסידישע, נאָר דווקא די תּורות פֿון ר׳ נחמן בראַצלאַווער. די דרוקערײַ איז געעפֿנט געוואָרן פֿון ר׳ נתן בן נפֿתּלי־הירץ שטערנהערץ פֿון נעמיראָוו, וואָס איז געווען אַ תּלמיד־מובֿהק פֿון ר׳ נחמן בראַצלאַווער. ער האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל אַרויסצוגעבן זײַן רבינס תּורות — סײַ די וואָס זענען נאָך ניט אַרויס פֿון דרוק, סײַ די וואָס זענען שוין געווען געדרוקט אָבער מיט גרײַזן.

וועגן דער דאָזיקער דרוקערײַ האָט די ייִדישע ביבליאָגראַפֿיע געהאַט גאָר קנאַפּע ידיעות. כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַפֿילו ווינער און הרכּבֿי, וואָס האָבן אָנגעגעבן אַ ריי שטעט מיט פּרעגצייכנס (באַר, נעמיראָוו, שאַרעגראָד) האָבן ניט געוווּסט וועגן דער עקסיסטענץ פֿון דער דאָזיקער דרוקערײַ. נאָך גרעסער איז דער וווּנדער וואָס ווען זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט זייער קאַטאַלאָג (1894) איז שוין געהאַט אַרויס דער ערשטער טייל פֿון נתן נעמיראָווערס טאָגבוך ימי מהרנ״ת,[12] ווו עס געפֿינען זיך שוין אַ ריי פּרטים וועגן דער בראַצלאַווער דרוקערײַ. פֿון די צוויי טיילן פֿון אָט דעם טאָגבוך ווערן מיר געוווּיר ניט נאָר

[12] דער ערשטער טייל פֿון דעם ווערק איז אַרויס אין לעמבערג אין 1876. דער צווייטער טייל אין ירושלים אין 1904.

וועגן דער עקסיסטענץ פֿון דער דרוקעריַי אין בראַצלאַוו, נאָר אויך וועגן די כּל־המינים שוועריקייטן, שיקאַנעס, מסירות וואָס די אָנפֿירערס האָבן געהאַט אויסצושטיין. פֿאַקטיש קומט אויס, אַז די דאָזיקע דרוקעריַי פֿון ר׳ נחמן בראַצלאַווערס תּלמיד איז געווען אַן אומלעגאַלע.

דער ערשטער וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער דאָזיקער דרוקעריַי איז געווען ש. באַראַוואָי אין זײַן אַרבעט וועגן יידישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע.[13] ער פֿאַררופֿט זיך טאַקע דאָרטן אויפֿן ימי מהרנ״ת און ברענגט אַ רייִ ציטאַטן. אויך פֿרידבערג האָט אין זײַן ערשטער אויפֿלאַגע פֿון דער געשיכטע פֿון דרוקערײַען בײַ יידן אין פּוילן דורכגעלאָזט די דאָזיקע זעלטענע באמת דרוקעריַי.[14]

ערשט נאָך די רעצענזיעס פֿון אַבֿרהם יערי און יצחק ריבקינד, ווי אויך נאָך דער באַמערקונג פֿון ג. שלום אין זײַן אַרבעט וועגן די ספֿרים פֿון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, האָט ער אַרײַנגענומען בראַצלאַוו אין דער צווייטער אויפֿלאַגע פֿון זײַן אַרבעט.[15]

ווי געזאָגט אינטערעסירט אונדז איצט דער ענין בראַצלאַווער דרוקעריַי, און פֿון דעם ימי מהרנ״ת דערוויסן מיר זיך, אַז ר׳ נתן האָט די דאָזיקע דרוקעריַי אָנגעהויבן אײַנצואָרדענען אין 1819. ער דערציילט:

> לאַנג האָב איך שוין פֿאַרטראַכט בײַ זיך אין הויז אײַנצואָרדענען אַ דרוקעריַי כּדי צו דרוקן די תּורות פֿון רבין ר׳ נחמן זצ״ל, ווי עס איז געווען זײַן פֿאַרלאַנג. עס איז אָבער אַדורך גענוג צײַט ביז איך האָב אין יאָר תּקע״ט געקענט מיט גאָטס געגנאָד צונויפֿקלײַבן בײַ די אַנשי־שלומנו אַ ניט־גרויסע סומע געלט און אײַנשאַפֿן אַ דרוקמאַשין און שריפֿט... אָבער צוליב אַ רייִ מניעות און אויך צוליב דעם וואָס איך האָב געהאַט ווייניק פּאַפּיר, איז עס אַלץ געלעגן אָן נוצן...

ער דערציילט ווי ער האָט געמוזט פֿאָרן איבער דער מדינה כּדי צו זאַמלען געלט בײַ אַנשי־שלומנו פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק. ער פֿלעגט עס טאָן בײַ פֿאַרשיידענע שׂימחות און בײַם אוהל פֿון דעם רבין אין אומאַן, וווּהין די אַנשי־שלומנו פֿלעגן קומען צו די ערשטע סליחות. מיר הערן אויך, אַז אים איז געלונגען איין מאָל צו באַקומען פּאַפּיר גאָר ביליק אין כמיעלניק און אין באַרדיטשעוו, און ער האָט געקענט אַרויסגעבן אַ פּאָר ספֿרים, אָבער בסוד. אויסגעלערנט די מלאָכה פֿון דרוק האָט ער נאָר אייגענע, אַנשי־שלומנו, וואָס האָבן די אַרבעט געטאָן נאָר לשם מיצווה. צווישן זיי איז געווען אַ געוויסער ר׳ מנחם־מענדל. אויך זײַן זון שכנא האָט זיך מיט דעם מתעסק געווען.

דער דאָזיקער שכנא האָט אַפֿילו בסוד פֿון זײַן פֿאָטער געגרייט צום דרוק אַ פּאָר קונטרסים. מען האָט אים אָבער געמסרט. פּלוצעם איז (ערבֿ שבת קודש, 19 טעג אין חודש אדר ב׳, תּקפ״ד, 1824), צו אים געקומען פּאָליציי און פֿאַר־חתמעט די דרוקעריַי מיט די מכשירים.

---

[13] „שטריכן פֿון דער געשיכטע פֿון יידיש בוך אין אוקראַיִנע״ (אוקראַיִניש), קיִעוו, ערשטער טייל — 1925, צווייטער טייל — 1926.

[14] חיים דובעריש פֿריעדבערג, תולדות הדפוס העברי בפולניא. ערשטע אויפֿלאַגע — אַנטווערפּן, 1932; צווייטע אויפֿלאַגע — תּל־אָבֿיבֿ, 1940.

[15] ג. שלום, קונטרס אלה שמות ספרי מוהר״ן ז״ל מברסלב, ירושלים, 1928.

ער האָט געמוזט אויסגעבן אַ סך אויף שוחד, און די זאַך איז איבערגע־שיקט געוואָרן קיין קאַמעניץ־פּאָדאָלסק. ערשט תשעה־באָב איז געקומען פֿון קאַמעניץ די תשובה, אַז ער וועט ניט קענען דרוקן קיין ספֿרים ביז ער וועט ניט האָבן די דערלויבעניש פֿון ווילנע.

אַ ווייטערדיקע נאָטיץ אין זיין טאָגבוך דערציילט, אַז זונטיק, אויף מאָרגן נאָך יום־כיפּור תקפ"ה (1825), דער טאָג וואָס מען רופֿט שם השם (גאָטס נאָמען), איז געקומען פֿון ווילנע אַ ידיעה ער זאָל צושיקן אַ קליינע סומע געלט וועט ער באַקומען אַ דערלויבעניש צו דרוקן די ספֿרים. ער האָט אויף גיך אויפֿגעקליבן דאָס געלט און טאַקע באַלד, דינסטיק, די זעלבע וואָך, דאָס געלט איבערגעשיקט קיין ווילנע.

ווייטער דערציילט ער:

דאָנערשטיק, 24 טעג אין תשרי תקפ"ו, אסרו־חג־סוכות, האָט מיר השם יתברך געהאָלפֿן און מען האָט געעפֿנט דאָס הויז ווו דער דרוק שטייט פֿאַרחתמעט העכער אָנדערטהאַלבן יאָר. מען האָט געעפֿנט נאָר דאָס הויז, אָבער דער דרוק איז נאָך אַלץ פֿאַרחתמעט ביז גאָט וועט זיך מרחם זיין.

ער איז דערנאָך געפֿאָרן דעם ערשטן טאָג סליחות קיין אומאַן, ווי דאָס איז דער שטייגער יאָר־יערלעך, און דאָרטן האָט ער זיך געטראָפֿן מיט די אנשי־שלומנו און זיי האָבן אים אויפֿגעמונטערט, אַז ער זאָל אָנהייבן דרוקן דעם אָנגעהויבענעם ספֿר אין אַ צווייטן אָרט. עס איז טאַקע אַ סבֿרא, אַז טייל ספֿרים, וואָס ס'איז אָנגעגעבן אַז זיי זענען געדרוקט אין מאָהילעוו ביים דניעסטער, זענען בראַצלאַווער דרוק, אָדער זענען אין מאָהילעוו פֿאַרענדיקט געוואָרן.

אַחוץ דעם דערמאָנטן טאָגבוך ימי מהרנ"ת איז נאָך אַרויס אַ זאַמלונג פֿון ר' נתן נעמיראָווערס בריוו[16] אין וועלכע מיר געפֿינען ווייטערדיקע פּרטים פֿון די צרות וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין צוליב דער דרוקעריי.

ראשית קומט אויס, אַז ר' נתן האָט ביז 1835 געהאַט זיין דרוקעריי, ווו ער האָט געדרוקט זיינע ספֿרים בסוד. חוץ דער פֿריערדיקער מסירה זענען ווייזט אויס געקומען נאָך אַנדערע. אין אַ בריוו פֿון זונטיק פּרשת מטות־מסעי תקצ"ה (1835) שרייבט ער אַז:

נעכטן קרובֿ צו מנחה איז געקומען דער קוואַרטאַלני אין מיין שטוב און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דער דרוקעריי. האָט מען אים געזאָגט, אַז שוין עטלעכע יאָר האָב איך ניט קיין דרוק און ער איז שטיל אַוועק פֿון מיין שטוב, גאָרניט זאָגנדיק, און איז בכלל ניט אַרויף אויפֿן אייבער־שטיבל.

משמעות, אַז „אויפֿן אייבערשטיבל" איז יאָ עפּעס געווען, וואָס ר' נתן האָט ניט געוואָלט, אַז דער קוואַרטאַלני זאָל דאָרטן אַריינבליקן...

די אַרויסגעבערס פֿון די בריוו אין דרוק ווייסן צו דערציילן, אַז מען האָט יעמאָלט ר' נתנען אַרעסטירט. די מוסרים האָבן אין זיין ביימזין פֿאַלש גע־

16 עלים לתרופה, וואַרשע, 1930.

שוואָרן און מען האָט אים שרעקלעך געפּייניקט. מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תּפיסה צוזאַמען מיט גזלנים און רוצחים. שפּעטער האָט מען אויף אים רחמנות געהאַט און מען האָט אים פֿאַרשפּאַרט אין אַ חדר־מיוחד. ער איז אין תּפיסה אָפּגעזעסן אַכט טעג און עס איז געשען אַ גרויסער נס — מען האָט אים אַרויסגעלאָזט אויף ערבֿות און ראָש־חודש אלול האָט מען אים אַרויס־געטריבן פֿון בראַצלאַוו און פֿאַרשיקט קיין נעמיראָוו.

אָבער אויך נאָך דעם האָט ר׳ נתן זיך ניט מיאש געווען. ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק צו עפֿענען אַ דרוקעריי פֿאַר זײַן רבינס תּורות. דאָס דערוויסן מיר זיך טאַקע פֿון דער סעריע בריוו וואָס ער שרײַבט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. ער פֿאָרט קיין גאַליציע (דערבײַ באַשרײַבט ער זײַן אַריבערגיין די גרענעץ פֿון בראָד, לעמבערג און אַנדערע ערטער) און מונטערט כּסדר, אַז מען זאָל די אַנשי־שלומנו דערמאָנען וועגן דעם גרויסן „עסק״ וואָס ער נעמט זיך אונטער, כּדי מקיים צו זײַן דעם רצון פֿון זײַן רבין זצ״ל.

ער פֿאָרט קיין ארץ־ישׂראל און קומט אָבער צוריק קיין רוסלאַנד. זײַן שטרעבונג אָװעקצושטעלן אַ דרוקעריי ווערט אָבער ניט רעאַליזירט. עס האָבן געפֿעלט געלטמיטלען; די שטערונגען מצד די קעגנערס זענען געווען שטאַרקע און לסוף איז געקומען דער צאַרישער באַפֿעל וואָס האָט אָפּגעשטעלט אַלע עקסיסטירנדיקע דרוקערײַען און האָט ביז צו אַ מינימום באַגרענעצט די מעג־לעכקייט ווײַטער אָנצוהאַלטן אַן אומלעגאַלע דרוקעריי.

אונטער אַזעלכע שווערע באַדינגונגען איז פֿאָרט ר׳ נתנען געלונגען אין בראַצלאַוו אַרויסצוגעבן אַ 7־8 ספֿרים און קונטרסים, אַלע טאַקע מיט ר׳ נחמן בראַצלאַווערס תּורות, אָדער זײַנע נוסחאָות פֿון תּפֿילה. די דאָזיקע ספֿרים געהערן טאַקע צו די גרויסע יקר־המציאותן און אין אַ געוויסן פּרט זענען זיי אויך רעליקוויעס פֿון ייִדישן בוכדרוק.

## ברעזיץ־פּאָדברעזיץ, בײַ קרעמעניץ, וואָלין

טייל פֿון די ייִדישע ביבליאָגראַפֿן האָבן תּחילת געמיינט, אַז דאָס זענען צוויי באַזונדערע ערטער. פֿאַקטיש איז עס איין און דער זעלביקער מקום.

דאָ האָבן די געוועזענע שותּפֿים פֿון דער דרוקעריי אין קופּיל (זע דאָרטן), צבֿי־הירש און יוסף־יאָסקע, אין 1796 געשאַפֿן אַ דרוקעריי. דאָ זענען געדרוקט געוואָרן אַ ריי ספֿרים, צווישן זיי דרײַ תּחינות, אין עבֿרי־טײַטש. די שותּפֿים זענען זיך צעגאַנגען און געבליבן איז נאָר צבֿי־הירש, וואָס האָט נאָך 1803 זיך אַריבערגעצויגן קיין זשיטאָמיר.

## דובנע, וואָלין

דובנע האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ ייִחוס־שטאָט און ייִדן האָבן טאַקע זייער שטאָט גערופֿן דובנאָ רבתי — די גרויסע דובנע.

הגם אין דעם ענטפֿער אויפֿן צירקולאַר פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער פֿון 1802 איז אָנגעגעבן, אַז די דובנער דרוקעריי איז געעפֿנט געוואָרן אין 1802

דורכן פּירשט ליובאָמירסקי, דעם בעל־הבית פֿון דער שטאָט, איז אָבער שוין פֿריִער דאָרט געווען אַ דרוקערײַ. די ייִדישע ביבליאָגראַפֿיע פֿאַרצייכנט ייִדי־שע ספֿרים געדרוקטע אין דובנע שוין אין 1794. מעגלעך, אַז ווען דער דער־מאָנטער צירקולאַר איז פֿונאַנדערגעשיקט געוואָרן, האָט שוין די פֿריִערדיקע דרוקערײַ ניט עקסיסטירט און די וואָס איז געווען אַקטיוו איז אָנגעגעבן גע־וואָרן אין דער תּשובֿה צום מיניסטער.

די דרוקערײַ פֿון 1802 איז עטאַבלירט געוואָרן פֿון יהונתן בר׳ יעקבֿ פֿון וויעליטש אין שלעזיע. (אין דעם ענטפֿער צום מיניסטער הייסט ער יונה יאַקובאָוויטש.) דער דאָזיקער יהונתן האָט שוין הינטער זיך געהאָט אַ גאָר רײַכע פּראַקטיק אין דרוקן ייִדישע ביכער. ער איז געווען קאָרעקטאָר אין דער באַרימטער דרוקערײַ פֿון יאָהאַן קריגער אין נאָווידוואָר בײַ וואַרשע און אַ געוויסע צײַט געווען דער געשעפֿט־פֿירער פֿון קריגערס ביכערקראָם אין וואַרשע. אין דער דובנער דרוקערײַ האָט מיט אים געאַרבעט דער מײַסטער מיכאַל פּיאַטריקאָווסקי.

ווי אַ באַערונג פֿאַרן פּירשט ליובאָמירסקי האָט דער דרוקער אויף די שער־בלעטער פֿון די ספֿרים געדרוקט אין דובנע געגעבן דעם עמבלעם פֿון פּירשט ליובאָמירסקי, אויף וועלכן עס זענען אויסגראַווירט די צוויי אותיות M. L., די איניציאַלן פֿון פּירשט. אויפֿן שער איז נאָך געווען אַ שורה, אַז די ביכער זענען געדרוקט: „תחת ממשלת הדוכס האדיר מיכל לובמערסקי יענראַל לייטנאַנט וואָיסק קאָראָניך״.

די דאָזיקע דרוקערײַ האָט עקסיסטירט ביז 1803.

אַ צווייטע דרוקערײַ איז דאָ געשאַפֿן געוואָרן פֿון אַהרן בן יונה (וואָס האָט אויך געהאַט אַ דרוקערײַ אין אָסטרע) צוזאַמען מיט אַן אָרטיקן שותּף יוסף בן יהודה־לייב. דאָס שותּפֿות האָט אָנגעהאַלטן ביז 1808. די שותּפֿים האָבן זיך צעטיילט און אַהרן איז אַוועק קיין מעזריטש (זע דאָרטן), ווו ער האָט געשאַפֿן אַ דרוקערײַ.

אין 1819 איז אין דובנע באַנײַט געוואָרן די דרוקאַרבעט דורך הרבֿ חיים־מרדכי מרגליות, דער ברודער פֿון באַרימטן דובנער רבֿ און גבֿיר אפֿרים־זלמן מרגליות.

אין מיטן דרוקן דעם שולחן־ערוך אין 1820 איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שׂרפֿה, וואָס האָט חרובֿ געמאַכט די גאַנצע דרוקערײַ. דער בעל־הבית איז גע־וואָרן בדלות און ניט געקענט צאָלן זײַנע התחײַבֿותן. מיט גרויס חרפּות איז ער אַנטלאָפֿן פֿון שטאָט און באַלד נאָך דעם געשטאָרבן. אין 1822 איז נאָך אין דובנע אַרויס אַ ספֿר.

אין דובנער דרוקערײַען האָבן חוץ אָרטיקע אַרבעטערס אויך געאַרבעט דרוקערס פֿון אָסטרע, ווישניעוויץ און נאָווידוואָר.

ז אַ ס ל אַ ו, בײַ אָסטרע

דאָ איז אין 1807־1808 געווען אַ דרוקערײַ, געשאַפֿן פֿון די אָרטיקע תּושבֿים, די שותּפֿים אליעזר בן יעקבֿ רובלינקער און דוד בן משה. בסך־הכּל

זענען דאָ אַרויס 5 ספֿרים. חוץ אָרטיקע דרוקערס האָבן דאָ אויך געאַרבעט בעל־מלאָכות פֿון אָסטרע און סלאַוועטע. עס דאַרף דערבײַ באַמערקט ווערן, אַז אין די בירגער־רשימות פֿון 1764 אין זאַסלאַוו ווערן צווישן אַנדערע אָנגע־געבן דער ייִדישער דרוקער יאָש מיט זײַן פֿרוי און 3 קינדער ווי אויך אַ ברודער דניאל.[17]

## זבאַראַזש, גאַליציע

דאָס דאָזיקע שטעטל וואָס ליגט בײַ דער גרענעץ פֿון פּאָדאָליע גייט אַרײַן אין אונדזער רשימה, ווײַל די דרוקערײַ איז דאָרטן אַנטשטאַנען אין דער צײַט ווען דאָס שטעטל איז געווען פֿאַרנומען דורך דער רוסישער מאַכט. דער גרינדער פֿון דער דאָזיקער דרוקערײַ, בנימין בן אַביגדור, האָט די דערלויבעניש משמעות באַקומען טאַקע פֿון דער רוסישער מאַכט. פֿון 1812, ווען די דרוקערײַ האָט זיך געעפֿנט, ביז זי איז, אין אַ יאָר אַרום בערך, געשלאָסן געוואָרן זענען דאָרטן אַרויס 3 ספֿרים. נאָך דעם האָט דער בעל־הבית פֿאַרקויפֿט די דרוקערײַ, ווי אויך דעם גאַנצן טיפּאָגראַפֿישן מאַטעריאַל, קיין טאַרנאָפּאָל, צו די דאָרטיקע דרוקערס.

## זשיטאָמיר, וואָלין

לויט דער תשובֿה אויפֿן צירקולאַר פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער פֿון יאָר 1802 זענען דאָ אין 1803 געעפֿנט געוואָרן צוויי דרוקערײַען. איינע דורך הערש שימאַנאָוויטש, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון זוויהיל, אויפֿן סמך פֿון אַ דערלויבעניש פֿון דער גובערניע־אַדמיניסטראַציע, און די צווייטע פֿון יאַנקל אַבראַמאָוויטש. די ייִדישע ביבליאָגראַפֿיע פֿאַרצייכנט זשיטאָמירער ספֿרים געדרוקטע פֿון 1804 און ווײַטער. עס איז מעגלעך, אַז די דערלויבענישן זענען טאַקע אַרויס־געגעבן געוואָרן פֿריִער, אָבער ביז די ספֿרים זענען אַרויס פֿון דרוק האָט אַ ביסל געדויערט.

דער דערמאָנטער הערש שימאַנאָוויטש איז דאָס דער זעלביקער וואָס איז דער ייִדישער ביבליאָגראַפֿיע באַקאַנט ווי צבֿי־הירש בן שמעון און וואָס האָט שוין פֿאַר זײַן קומען קיין זשיטאָמיר אָנגעפֿירט מיט אַ ריי דרוקערײַען. ער האָט געאַרבעט אין דער גאַליצישער דרוקערײַ אין זשאָלקעווו און אין דער פּוילישער אין נאָווידוואָר בײַ וואַרשע. ער האָט עס געשאַפֿן די דרוקערײַ אין קופּיל (זע דאָרטן) און איז שפּעטער אַריבער קיין ברעזיץ־פּאָדברעזיץ (זע דאָרטן), און פֿון דאָרט געקומען קיין זשיטאָמיר.

די זשיטאָמירער דרוקערײַ האָט אָנגעהאַלטן ביז בערך 1807. יעמאָלט האָט ר׳ משה פֿון סלאַוועטע זי אָפּגעקויפֿט און זי אַריבערגעפֿירט קיין סלאַ־וועטע. לאַנגע יאָרן נאָך דעם איז אין זשיטאָמיר ניט געווען קיין דרוקערײַ. די שטאָט איז וואָס שייך ייִדישע דרוקן באַרימט געוואָרן ערשט מיט 40 יאָר

[17] עמנואל רינגעלבלום, „פּראָיעקטן און פּרוון פֿון איבערשיכטן די ייִדן אין דער סטאַניסלאַוו־עפּאָכע" (פּויליש), וואַרשע, 1934.

שפּעטער, אין יאָר 1847, ווען עס האָבן דאָרט פֿאַרלייגט זייער דרוקערײַ די קינדער פֿון די סלאַוויטער מאַרטירערס, די שפּיראָס.

די דרוקערײַ פֿון די שפּיראָס איז געשלאָסן געוואָרן לויט דעם באַפֿעל פֿון דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע פֿון 1836, וואָס האָט דערלויבט צו האָבן נאָר 2 ייִדישע דרוקערײַען. לויטן דאָזיקן באַפֿעל האָבן די דאָזיקע דרוקערײַען געדאַרפֿט זײַן אין ווילנע און אין קיִעוו. אָבער נאָך אַ לאַנגער שקלאַ־וטריא איז פֿון קיִעוו געוואָרן זשיטאָמיר. די ערשטע בעלי־בתּים אין 1847 זענען געווען די 3 ברידער חנינא־ליפּע, אַריה־לייב, יהושוע־העשל, די זין פֿון דעם סלאַוויטער קדוש שמואל־אַבֿרהם־אַבא שפּיראָ. ביז 1851 זענען אַלע דרײַ ברידער געווען אין שותּפֿות. אין דאָזיקן יאָר איז אַריה־לייב אַרויס פֿון שותּפֿות און זיך געעפֿנט אַן אייגענע דרוקערײַ. עס זענען דאָרטן על־כּן געווען צוויי שפּיראָ־דרוקערײַען. אין 1865 איז געשלאָסן געוואָרן נאָך אַ דרוקערײַ, פֿון אַבֿרהם־שלום שאַדאָוו. אין 1870 איז צוגעקומען אַ נײַע דרוקערײַ פֿון יצחק־מאיר באַקשט. אין 1888 עפֿנט זיך די דרוקערײַ פֿון בראָדאָוויצן, און אין תּר״ן (1890) אַ דרוקערײַ פֿון יוסף קעסעלמאַן. נאָך זײַן טויט אין 1902 האָט זײַן פֿרוי רחל אַרײַנגענומען ווי אַ שותּף אליהו פֿײַנבערג.

אין די זשיטאָמירער דרוקערײַען האָבן צוזאַמען מיט אָרטיקע דרוקערס געאַרבעט אויך דרוקערס פֿון אָסטרע, פּולנאָע און קאַמענעץ.

## טאַרנאָפּאָל, גאַליציע

פּונקט ווי די דרוקערײַ אין זבאַראַזש, איז די טאַרנאָפּאָלער דרוקערײַ אויפֿגעקומען ווען די געגנט האָט זיך געפֿונען אונטער דער רוסישער הערשאַפֿט, אין 1809—1815. דער גרינדער פֿון דער טאַרנאָפּאָלער דרוקערײַ איז געווען נחמן פּינעלעס, וואָס האָט פֿון דער רוסישער מאַכט באַקומען אויף דעם די דערלויבעניש. אַ געוויסע צײַט האָט ער געהאַט אַ שותּף, יעקבֿ אויערבאַך. סוף 1812 האָבן די טאַרנאָפּאָלער אָפּגעקויפֿט דעם מאַטעריאַל פֿון דער ליקווידירטער דרוקערײַ אין זבאַראַזש און די דרוקערײַ האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט אין 1813.

צוזאַמען מיטן טיפּאָגראַפֿישן מאַטעריאַל האָבן זיי אויך אַראָפּגעבראַכט פֿון זבאַראַזש די דאָרטיקע דרוקער־אַרבעטערס. אויפֿן ערשטן ספֿר וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין טאַרנאָפּאָל (פענח רזא פֿון 1813) ווערט אָנגעגעבן, אַז ער איז אויסגעפֿאַרטיקט געוואָרן:

> על־ידי הפועל העוסק במלאכת הקודש במכבש הדפוס באמונה הר״ר
> מרדכי בן מו״הרר צבי הירש דק״ק ז ב א ר י ז ולע״ע [לעת עתה]
> עוסק בדפוס חדש דק״ק טאַרנאָפּאָל.
> ועל ידי הפועל העוסק במלאכת הקודש במכבש הדפוס באמונה הבחור
> אריה־ליב בן מהור״א דוד מק״ק ז ב אַ ר י ז לע״ע עוסק בדפוס חדש
> בק״ק טאַרנאָפּאָל.[18]

---

[18] א. מ. הברמן, „הדפוס העברי בטאַרנאָפּאָל ורשימת הספרים שנדפסו שם", עלים לביבליוגרפיה וקורות ישראל, ווין, 2טער יאָרגאַנג, העפֿט א׳, תּרצ״ה.

גאָר אַ גרויס שײַכות צו דער דרוקערײַ האָט געהאַט דער באַקאַנטער טאַרנאָפּאָלער משׂכּיל יוסף פּערל. עס איז אַ פֿאַקט אַז די דרוקערײַ האָט זיך געפֿונען אין זײַן דערציִונג־אַנשטאַלט. טייל פּערלס ביאָגראַפֿן גיבן איבער, אַז ער איז אויך געווען פֿון די גרינדערס פֿון דער דרוקערײַ.[19] מעגלעך, אַז פּערל האָט ניט געוואָלט מען זאָל דער ה[illegible]ער דרוקערײַ צוקלעפּן אַ בולט קעמפֿעריש־משׂכּילישן כאַראַקטער. אין דער דאָזיקער דרוקערײַ זענען דאָך געדרוקט געוואָרן אַ ריי טראַדיציאָנעלע ספֿרים.

לויט יוסף קלויזנער באַשטייט דאָס חשיבֿות פֿון דער טאַרנאָפּאָלער דרוקערײַ אין יענער צײַט אויך דערין וואָס זי האָט געשאַפֿן אַ צוזאַמענבונד פֿון די משׂכּילישע קרײַזן פֿון גאַליציע מיט די משׂכּילים פֿון דער שטאָט אַדעס. ער שרײַבט:

> און אַ גוטע געלעגנהייט [פֿאַר דער משׂכּילישער התקרבֿות] איז געווען ווען טאַרנאָפּאָל און די געגנט איז געוואָרן פֿאַרנומען דורך די רוסן גאַנצע 6 יאָר (1809—1815). עס האָבן זיך אײַנגעשטעלט גאָר פֿעסטע פֿאַרבינדונגען פֿון דעם דאָזיקן גאַליצישן קרײַז מיט רוסלאַנד פֿון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. פֿון דאַנען שטאַמט טאַקע די גאָר באַזונדערע נאָענטקייט פֿון גאַליציע מיט פּאָדאָליע, וואָלין און נײַ־רוסלאַנד, וואָס די וויכטיקע שטאָט איז דאָרטן געווען אַדעס.[20]

אין משך פֿון דער צײַט וואָס טאַרנאָפּאָל איז געווען אונטער דער רוסישער הערשאַפֿט זענען דאָרטן אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּאָר צענדליק ספֿרים. צווישן אַנדערע איז דאָרט אַרויס די ייִדישע איבערזעצונג פֿון משלי פֿון מענדל לעפֿין סאַטאַנאָווער. כּדי די טאַרנאָפּאָלער ספֿרים זאָלן קענען פֿאַרשפּרייט ווערן אויך אויף יענער זײַט גרענעץ, אין עסטרײַך, האָבן די דרוקערס אויף טייל ספֿרים ניט אָנגעוויזן ווו זיי ווערן געדרוקט. ווען טאַרנאָפּאָל איז צוריק אַריבער צו עסטרײַך האָט די נײַע מאַכט אָנערקענט די אַרויסגעגעבענע דערלויבעניש דורך די רוסן און די דרוקערײַ האָט נאָך עקסיסטירט לאַנגע יאָרן. אינטערעסאַנט, וואָס אין 1880 האָט נאָך די טאַרנאָפּאָלער דרוקערײַ אָפֿיציעל געהייסן די פּאָדאָלישע דרוקערײַ.

## ט ו ר ק אָ

אַרום דער דרוקערײַ אין דער דאָזיקער שטאָט איז אַ גאַנצע שקלאַ־וטריא. אין דעם קאַטאַלאָג פֿון ווינער־הרכּבֿי זײַנען אָנגעגעבן צוויי טורקאָס, איינע אַ פּוילישע און די צווייטע אַ וואָלינער, ווו עס זענען געדרוקט געוואָרן ספֿרים פֿאַר 1760. דאָס פּוילישע שטעטל איז לויט פֿרידבערגן בײַ צויזמער. מאיר באַלאַבאַן גיט אָן אַז עס איז אין גאַליציע, אין סאַמבאָרער קרײַז. עס איז פֿאַראַן נאָך אַ טורעק אין פּוילן, אין קאָלישער קרײַז, אָבער יענע פֿאַלט זיכער אַרויס פֿון חשבון. הכּלל, ס׳איז אַ ניט־פֿאַרענטפֿערטע שאלה. אויב עס זאָל זיך האַנדלען

[19] י. ווײַנלעז, יוסף פּערלס לעבן און שאַפֿן, ווילנע, 1937.

[20] יוסף קלויזנר, היסטוריה של הספרות העברית החדשה, ירושלים, תרצ״ז, באַנד 2, ז׳ 283 א״וו.

וועגן אַ וואָלינער שטעטל, הייסט עס, אַז דאָס איז געווען די ערשטע דרוקערײַ אין וואָלין, נאָך פֿאַר אַלעקסניץ. דער ענין דאַרף נאָך אויפֿגעקלערט ווערן.

יאַנאָוו, ליטינער קרײַז, פּאָדאָליער גובערניע

פֿון דעם ענטפֿער אויף דעם אָנפֿרעג פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטעריום קומט אויס, אַז אין 1801 איז דאָרטן געשאַפֿן געוואָרן אַ ייִדישע דרוקערײַ און איר בעל־הבית איז געווען חיים גערשאָנאָוויטש. פֿרידבערג, אין זײַן אַרבעט וועגן די ייִדישע דרוקערײַען אין פּוילן, גיט אָן, אַז אין 1801—1803 איז דער בעל־הבית פֿון דער יאַנאָווער דרוקערײַ געווען מרדכי בן יעקבֿ, וואָס האָט שפּעטער געאַרבעט אין קאָריץ און איז געשטאָרבן אין שקלאָוו כ״ד טבֿת תּקס״ו. לויט אים קומט אויס, אַז דאָרטן האָט ווי אַ דרוקער־אַרבעטער גע־אַרבעט יהודה־לייב בן דובֿ דער יאַנאָווער, וואָס האָט שפּעטער געאַרבעט אין די באַרדיטשעווער דרוקערײַען.

לויצק, וואָלינער גובערניע

אין דער תּשובֿה אויף דעם אָנפֿרעג פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער וועגן די דרוקערײַען איז אָנגעגעבן, אַז אין לויצקער דאָמיניקאַנער־קלויסטער איז, לויט דער פּריווילעגיע פֿון פּוילישן קיניג פֿון יאָר 1783, געווען אַ דרוקערײַ, וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו דרוקן ביכער אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. עס האָבן זיך דאָרט געדרוקט ביכער אויף רוסיש, לאַטײַן, פֿראַנצייזיש, העברעיִש און פּויליש. אין 1803 איז אין לויצק אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה, וואָס האָט צע־שטערט דעם קלויסטער. דאָס איז משמעות טאָקע די סיבה וואָס עס פֿעלן גענויערע פּרטים וועגן דער דאָזיקער דרוקערײַ און פֿון איר סוף.

מאָהילעוו, בײַם דניעסטער, פּאָדאָליער גובערניע

די דרוקערײַ האָט דאָ עקסיסטירט פֿון יאָר 1808. זי איז געעפֿנט געוואָרן דורך צבֿי־זאבֿ רובינשטיין און זײַן פֿאָטער דוד, וואָס האָבן געהאַט פֿריִער אַ דרוקערײַ אין סלאָפּקאָוויץ (זע דאָרטן). די דרוקערײַ האָט געאַרבעט ביז 1812 און געמוזט איבעררײַסן איר אַקטיוויטעט צוליב דער רוסיש־פֿראַנצייזישער מלחמה. אין 1816—1819 איז זי ווידער געוואָרן טעטיק.

די דרוקערײַ און דער טיפּאָגראַפֿישער מאַטעריאַל איז שפּעטער אָפּגעקויפֿט געוואָרן פֿון פּנחס־אליעזר בן מרדכי ביליטש, דער אײדעם פֿונעם באַקאַנטן שמואל מדפּיס פֿון באַרדיטשעוו, וואָס האָט אַלץ אַריבערגעפֿירט קיין סודיל־קאָוו, וווּ ער האָט געעפֿנט אַ דרוקערײַ (זע דאָרטן). אין משך פֿון דער צײַט וואָס עס האָט עקסיסטירט די מאָהילעווער דרוקערײַ זענען דאָרטן אַרויס אַרום 24 ספֿרים.

לויט די אָנגעבן פֿון באַראָוואָיען און מאַרקסן זענען די גרענעץ־דאַטעס פֿון דער מאָהילעווער דרוקערײַ די יאָרן 1798—1825. אויף וואָס פֿאַר אַ סמך די גרינדונג־דאַטע איז איבערגערוקט אויף פֿריִער איז ניט אָנגעגעבן. סײַדן מען זאָל אָננעמען, אַז דאָ ווערן פֿאַרמישט צוויי מאָהילעווס — די פֿון לעבן

דניעפּער מיט דער פֿון לעבן דניעסטער. דער שׂכל איז מחייבֿ, אַז די ערשטע דאַטע, 1808, איז די ריכטיקע. וואָלט אין מאָהילעוו בײַם דניעסטער געווען פֿאַר דער דאָזיקער דאַטע אַ דרוקערײַ, וואָלט זי פֿיגורירט אין דעם ענטפֿער אויף דעם אָנפֿרעג פֿון בילדונג־מיניסטער אין 1802.

מ אַ כ נ אָ װ ק ע , קיִעווער גובערניע

אויף דעם אָנפֿרעג פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער האָט דער קיִעווער גובערנאַטאָר אָנגעגעבן, אַז אין שטעטל מאַכנאָווקע, איז פֿאַראַן אַ פּריוואַטע דרוקערײַ פֿון דעם מאָסקווער סוחר סעלעזניק (משמעות ניט קיין ייִד), וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין 1796. עס דרוקן זיך דאָרטן ביכער אויף רוסיש, לאַטײַן, פּויליש, גריכיש, פֿראַנצייזיש, דײַטש און העברעיִש. וועגן דער דאָזיקער דרוקערײַ דערמאָנען אויך דער גראַף טשאַרטאָריסקי, אין זײַן באַריכט פֿון 21סטן אויגוסט צום מיניסטער זאַוואַדזקי, און פּראָפֿעסאָר סערגיי מאַסלאָוו אין זײַן אַרבעט.

מ י נ ק אָ װ י ץ , אושיצער קרײַז, פּאָדאָליער גובערניע

די דאָזיקע שטאָט פֿיגורירט אין די ענטפֿערס וואָס די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן צוגעשיקט אויף דעם אָנפֿרעג פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער. דאָרט ווערט אָנגעגעבן, אַז אין דאָזיקן שטעטל זענען געווען צוויי דרוקערײַען, ביידע געעפֿנט אויפֿן סמך פֿון דער דערלויבעניש פֿון דעם שטאָט־בעל־הבית, דעם פּריץ איגנאַצי מאַרכאָצקי. די ערשטע דרוקערײַ איז געעפֿנט געוואָרן אין 1792, די בעל־הביתטע איז געווען אסתּר מאָוושאָוואַ, אָבער פֿון 1798 ביז 1802 איז די דרוקערײַ געווען פֿאַרמאַכט.

די צווייטע דרוקערײַ איז געשאַפֿן געוואָרן דעם 2טן מאַרץ 1802 דורך מרדכי שעוואַכאָוויטש, אָדער מרדכי בן שבֿח, ווי ער איז באַקאַנט אין דער ייִדישער ביבליאָגראַפֿיע. צו די ייִדישע ביבליאָגראַפֿן זענען דערגאַנגען מינקאָוויצער ספֿרים פֿון 1796 און ווײַטער. די דרוקערײַ האָט געהערט צו דרײַ שותּפֿים, יוסף בן יצחק, זײַן זון משה בן יוסף און צו יחזקאל בן שבֿח. איינער פֿון די דאָזיקע שותּפֿים, יחזקאל, איז אין 1787 געווען דער בעל־הבית פֿון דער דרוקערײַ אין מעזשיראָוו (זע דאָרטן). די מינקאָוויצער דרוקערײַען זענען אַריבער פֿון האַנט צו האַנט.

אין 1796 איז געשטאָרבן איינער פֿון די שותּפֿים, יוסף בן יצחק, און אויף די ווײַטערדיקע ספֿרים ביז 1798 זענען אָנגעגעבן די איבעריקע צוויי שותּפֿים. אין מיטן 1798 שטאַרבט דער צווייטער שותּף, משה, יוספֿס זון, און אויף די שפּעטער געדרוקטע ספֿרים ווערן שוין ווי מיטשותּפֿים אָנגעגעבן די יורשים פֿון משהן צוזאַמען מיט יחזקאל בן שבֿח. אין 1800 ווערן די יתומים שוין ניט דערמאָנט, נאָר יחזקאל אַליין. דערמיט ווערט אָפּגעשלאָסן איין קאַפּיטל פֿון מינקאָוויצער דרוקערײַען.

יחזקאל פֿאָרט אַריבער קיין מעזשיראָוו און פֿון דאָרטן קיין אָסטראָ (זע דאָרטן). דער טיפּאָגראַפֿישער מאַטעריאַל פֿון דער ערשטער דרוקערײַ איז

אָבער אַריבער, נאָך אַ גערעכטלעכער פֿאַרהאַנדלונג, צו די יורשים פֿון משה בן יוסף וואָס זיי זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דער דרוקערײַ פֿון בילזורקע (זע דאָרטן).

נאָך אַן איבעררײַס פֿון דרײַ יאָר עפֿענען זיך אין מינקאָוויץ אין 1803 נײַע צוויי דרוקערײַען. איינע דורך מנחם־מענדל בן אַבֿרהם און די צווייטע דורך אַבֿרהם־מרדכי בן שבֿת, וועלכער איז אַריבער אין תּקס״ז קיין זאַסלאַוו, ווו ער האָט געאַרבעט ווי אַ זעצער. סוף 1810 איז דאָרטן געעפֿנט געוואָרן נאָך אַ דרוקערײַ דורך חיים בן יצחק, וואָס האָט געאַרבעט ביז 1812 און איבער־געריסן די אַרבעט צוליב דער רוסיש־פֿראַנצייזישער מלחמה. בכּלל זענען אין מינקאָוויץ געדרוקט געוואָרן ספֿרים ביז 1820, און בסך־הכּל זענען דאָרטן אַרויסגעגאַנגען 26 ספֿרים. חוץ מינקאָוויצער האָבן דאָרטן אויך געאַרבעט דרוקערס פֿון אושיצע, מעזשיראָוו, סוכיסטאַוו און קאָריץ.

מ ע ז ר י ט ש , פֿאָדאָליער גובערניע

אין 1808 האָט דער דרוקער אַהרן בן יונה פֿון דובנע אַריבערגעפֿירט אַהער זײַן דרוקערײַ. ער האָט זי געפֿירט מיט די שותּפֿים מרדכי בן מאיר כּ״ץ און נפֿתּלי־הירץ בן אַריה־לייב. אין 1810 האָט נאָך די דרוקערײַ עקסיסטירט.

מ ע ז ש ב י ז ש , בײַ פּראָסקוראָוו, פֿאָדאָליער גובערניע

אין אָנהייב 1815 האָט דאָ געעפֿנט אַ דרוקערײַ דער פּולנאָער דרוקער יוסף בן צבֿי הכּהן. ער האָט דאָ געהאַט אַ שותּף יעקבֿ־פּנחס. די דרוקערײַ איז געווען אַקטיוו ביז 1827.

מ ע ז ש י ר אָ וו , בײַ באַר, פֿאָדאָליער גובערניע

פֿון די ענטפֿערס אויף די אָנפֿרעגן פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער אין 1802 ווייסן מיר, אַז אין 1787 זענען דאָרטן געווען צוויי דרוקערײַען, וואָס זענען געעפֿנט געוואָרן אויפֿן גרונט פֿון דער דערלויבעניש פֿון בעל־הבית פֿון שטעטל, דעם פּריץ יענדזשיי אָרלאָווסקי. איין דרוקערײַ האָט געהערט צו מיכאַל דאַווי־דאָוויטש און די צווייטע צו כאַצקל שעוואַכאָוויטש (דאָס איז דער יחזקאל בן שבֿת, וואָס מיר באַגעגענען אָפֿט).

די ידיעות פֿון די ייִדישע ביבליאָגראַפֿן, אויפֿן סמך פֿון די דאָרטן געדרוקטע ספֿרים, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען, דערציילן אַז אין מעזשיראָוו זענען געדרוקט געוואָרן ספֿרים אין 1789. פֿון די פֿאַרצייכענונגען אויף די דאָזיקע ספֿרים קומט אויס, אַז די דרוקערײַ האָט געהערט צו דרײַ שותּפֿים: יששכר־בער בן יהודה (אַן איידעם פֿון משה יום־טובֿ פֿון קאָריץ), יחיאל־מיכל בן דוד הכּהן און אַבֿרהם בן יוסף. יחיאל־מיכל בן דוד הכּהן איז זיכער דער פֿריִער דערמאָנטער מיכאַל דאַווידאָוויטש, וואָס פֿיגורירט אין דער תּשובֿה אויפֿן מיניסטערישן צירקולאַר.

אין דער דאָזיקער דרוקערײַ האָבן געאַרבעט אָרטיקע אַרבעטערס, אָבער אויך דרוקערס פֿון קאָריץ און אַ קאָרעקטאָר יצחק־אײַזיק בן אַהרן, פֿון

קאַלאַמיי. גאַר כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער פֿאַקט וואָס דעם טיפּאָגראַפֿישן מאַטעריאַל האָבן זיי אײַנגעשאַפֿט פֿון דער גראָדנער שריפֿטגיסערײַ. נאָך מער — אין אַ געוויסער צײַט האָבן זיי אַרויסגערופֿן דעם שריפֿטקריצער אַבֿרהם־צבֿי בן יחזקאל טיפּאָגראַף פֿון גראָדנע, ער זאָל אויסגיסן פֿאַר דער אָרטיקער דרוקערײַ זאַץ מיט נקודות ווי בכלל פֿאַרשענערן און פֿאַרבעסערן די אַרבעט און טעכניק פֿון דער דרוקערײַ.

מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז טייל מעזשיראָווער ספֿרים זענען געדרוקט געוואָרן אויף פֿאָנדן וואָס עס האָט צוגעשטעלט אַ געוויסער נפֿתּלי פֿון בראָד. מיר האָבן דאָ אַ גאַר מערקווערדיקע קאָמבינאַציע. אין דער דאָזיקער פּאָדאָליער דרוקערײַ טרעפֿן זיך אַ קאָרעקטאָר פֿון גאַליציע (קאָלאָמיי), אַ שריפֿטגיסער פֿון ווײַסרוסלאַנד (גראָדנע) און אַ מעצענאַט ווידער פֿון גאַליציע (בראָד).

דאָס שותּפֿות פֿון די דרײַ האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן. זיי האָבן אָנגעהויבן יעדער באַזונדער אַרויסצוגעבן ספֿרים. עס זענען אויך צוגעקומען נײַע אַרויס־געבערס. איינער פֿון די דאָזיקע שותּפֿים יחזקאל בן שבֿח איז, נאָכן אַרויסגיין פֿון שותּפֿות, אַריבער קיין מינקאָוויץ נאָך 1794 און אין 1801 איז ער געקומען צוריק קיין מעזשיראָוו, ווו ער האָט געפֿירט אַ דרוקערײַ ביז 1803. אין זעלביקן יאָר, תּקס״ג, האָט דאָרטן עקסיסטירט אַ צווייטע דרוקערײַ פֿון די שותּפֿים צבֿי־יעקבֿ בן אַהרן, פּנחס בן יעקבֿ און משה־זאבֿ בן נפֿתּלי. לויט די אינפֿאָרמאַציעס פֿון ש. באַראָוואַי זאָלן די מעזשיראָווער דרוקערײַען האָבן עקסיסטירט פֿון 1790 ביז 1808.

## נעמיראָוו, פּאָדאָליער גובערניע

ווי באַר און שאַרעגראָד, פֿיגורירט די דאָזיקע שטאָט אין דעם ווינער־הרכבֿי־קאַטאַלאָג ווי אַן אָרט ווו עס זענען „על־פּי השמועה״ געדרוקט געוואָרן ייִדישע ספֿרים. גענויע פּרטים זענען נאָך ניט אויסגעפֿונען געוואָרן.

## סודילקאָוו

הגם אין אַ ריי ביכער (באַראָוואַי, האַבערמאַן) ווערט דער בראשית פֿון סודילקאָווער דרוקערײַען אָנגעגעבן ווי 1798, איז אָבער די זיכערסטע דאַטע, אויפֿן סמך פֿון די פֿאַראַנענע געדרוקטע ספֿרים, דאָס יאָר 1818, ווען עס איז דאָרטן געשאַפֿן געוואָרן אַ דרוקערײַ פֿון ר׳ שמואל בן מרדכי־הלוי הורוויץ.

אין 1819 איז דאָרטן געשאַפֿן געוואָרן נאָך אַ דרוקערײַ פֿון פּנחס־אליעזר בן מרדכי ביליטש, דער איידעם פֿונעם באַרימטן באַרדיטשעווער דרוקער שמואל בן ישׂכר־בער סג״ל מדפּיס. אין 1832 שטאַרבט ער און זײַנע יורשים פֿירן ווײַטער אָן מיט דער דרוקערײַ.

אין 1820 זענען אַהער געקומען נײַע דרוקער־בעלי־בתּים. באַזונדער האָט זיך אַרויסגערוקט יצחק ווייצענפֿעלד, וואָס האָט זיך פֿריִער באַטייליקט ווי אַ שותּף אין אַ פּולנאָער דרוקערײַ. זײַן דרוקערײַ וואָס ער האָט דאָ געעפֿנט האָט זיך געהאַלטן ביז 1837, ביז נאָך דעם צאַרישן באַפֿעל צו שליסן די ייִדישע דרוקערײַען. אין 1832 האָבן זיך געעפֿנט אין סודילקאָוו דרײַ נײַע דרוקערײַען

פֿון: דוד בן צבֿי־הירש מדפּיס, משה בן נתן־נטע בלאָהשטערן און דובֿ־בער בן דוד מדפּיס.

ח. ליבערמאַן אין זײַן אַרבעט „לעגענדע און אמת וועגן די חסידישע דרוקערײַען" [21] ברענגט ווי אַ דוגמא סודילקאָוו פֿאַר דער כּלומרשטער טענה, אַז די חסידים האָבן אַרויסגעוויזן „אומפּאַראַנטוואָרטלעכע הפקרות" און אײַנגעשטעלט אַן „אייגענע צענזור". גראָד דאָ, אין דער כּלומרשט חסידישער אַנטי־רבנישער דרוקערײַ זענען 99 פּראָצענט פֿון די געדרוקטע ספֿרים געווען שאלות־ותשובֿות און חידושים. עס זענען דאָ כּמעט ניט געדרוקט געוואָרן קיין חסידישע ספֿרים.

ס ל אַ וו ו ט ע, זאַסלאַוווער קרײַז

אויף דער סלאַווּוטער דרוקערײַ וועלן מיר זיך אַ ביסל ברייטער אָפּשטעלן צוליב אַ ריי וויכטיקע געשעענישן וואָס האָבן משפּיע געווען אויף אַלע ייִדישע בוך־דרוקערײַען אין רוסלאַנד. דאָ האָט זיך אויך אָפּגעשפּילט די דראַמאַטישע עפּאָפּעע, וואָס האָט געבראַכט צום מאַרטירערטום פֿון די דאַרטיקע דרוקערס און וואָס איז געווען פֿון די וויכטיקסטע גורמים צו דער צאַרישער גזירה אויף די ייִדישע דרוקערײַען אין 1836. כּמעט אַלע ייִדישע ביבליאָגראַפֿן (האַרקאַווי, מאַרקס, האַבערמאַן) גיבן אָן ווי די בראשית־דאַטע פֿון דער סלאַווּוטער דרוקערײַ דאָס יאָר 1792. פֿרידבערג שרײַבט אַז די דרוקערײַ האָט זיך געעפֿנט אין 1791. פֿון דעם ענטפֿער אויפֿן צירקולאַר פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער פֿון 1802 קומט אויס, אַז די סלאַווּוטער דרוקערײַ איז געעפֿנט געוואָרן אין 1790, לויט דער דערלויבעניש פֿון דער פֿירשטין סאַנגושקאָ. דער חילוק אין די דאַטעס איז ניט קיין גרויסער און עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז זיי זענען אַלע ריכטיק. פֿון דער דערלויבעניש (1790) ביז עס זענען אַרויס פֿאַרטיקע ביכער (וואָס דערויף בויען די ביבליאָגראַפֿן) געדויערט דאָך אַ שטיקל צײַט.

אַ גרעסערער וויכּוח איז וועגן די גרינדערס פֿון דער דרוקערײַ, ווער ס'איז געווען דער ערשטער גרינדער. אויף די ערשטע ספֿרים וואָס זענען אַרויס אין סלאַווּוטע ביזן יאָר תּקנ"ח זענען בכלל ניט אָנגעגעבן געוואָרן קיין נעמען פֿון די דרוקער־בעלי־בתּים. אין 1798־1799 ווערן אָנגעגעבן די שותּפֿים דובער בן ישׂראל הלוי און יעקבֿ בן משה. פֿון 1801 ביז 1811 ווערן אָנגעגעבן דובער בן ישׂראל סג"ל און דובער בן פּסח. פֿון 1808 ווערט שוין דערמאָנט דער אַרויסגעבער משה שפּיראָ, שפּעטער זײַנע קינדער. די אַלע פּרטים זענען פֿון די שער־בלעטער פֿון די געדרוקטע ספֿרים אין סלאַווּוטע.

עס איז אַרויסגעשווומען די פֿראַגע, פֿון ווען אָן איז דער דערמאָנטער משה שפּיראָ געווען דער בעל־הבית פֿון דער דרוקערײַ, און וועגן זײַן שײַכות צו איר בכלל. אין דעם ענטפֿער אויפֿן צירקולאַר פֿון פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער, וואָס מיר האָבן פֿריִער דערמאָנט, ווערט געזאָגט, אַז די דערלויבעניש אין 1790 האָט באַקומען משה פּינכאַסאָוויטש. דאָס איז טאַקע דער זעלביקער משה

[21] ייוואָ־בלעטער, ב' XXXIV, זז' 182—208.

שפּיראָ, וואָס איז געווען דער זון פֿון באַקאַנטן צדיק און חסידישן מנהיג ר׳ פּנחס קאָריצער. די סלאַוווטער דרוקערס האָבן באַקומען זייער פּירסום צוליב דעם דאָזיקן ר׳ משה שפּיראָ, ווײַל ער איז געווען דער זון פֿון ר׳ פּנחס קאָרי־צער. די דעמאָלטיקע חסידישע מנהיגים האָבן שטאַרק אַרויסגעהויבן און פּראָטעזשירט די דאָזיקע דרוקערײַ, ווי עס איז צו זען פֿון זייערע הסכּמות צו די ספֿרים וואָס זענען דאָרט אַרויס. דער גרינדער פֿון חב״ד, ר׳ שניאור־זלמן פֿון ליאַדי, האָט געלאָזט דרוקן די ערשטע אויסגאַבע פֿון זײַן תּניא אין סלאַ־ווטע אין 1796, און סלאַוווטע איז געווען גאָר ווײַט פֿון ליאַדי, בעת שקלאָוו, מיט אַ גוט־אײַנגעפֿונדעוועטער דרוקערײַ, איז געווען גאָר נאָענט.

ר׳ פּנחס קאָריצער איז געווען אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פֿון ליטע. תּחילת, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צום חסידישן דרך, האָט ער זיך באַזעצט אין קאָריץ. דאָ איז טאַקע אין 1760 געבוירן געוואָרן זײַן זון משה, וואָס איז שפּע־טער געוואָרן רבֿ אין סלאַוווטע. דערבײַ פֿאַרנעמט ער זיך מיט זײַן פֿאַך — גראַווירערײַ. רבנות פֿאַרנעמט בײַ אים ניט קיין גרויס אָרט, דער עיקר גיט ער זיך אָפּ דער דרוקאַרבעט. דאָס קענען גראַווירן איז אים גאָר גוט צו נוץ געקומען. ער האָט געשניצט די אותיות, וואָס האָבן צוגעגעבן פֿיל חן די סלאַוווטער אויסגאַבעס, און זיי האָבן באַקומען אַ פֿײַנעם נאָמען אין דער גאָרער יידישער וועלט. די ספֿרים, געדרוקט אין סלאַוווטע, האָבן געהאַט אויף זיך די הסכּמות פֿריִער פֿאַר אַלץ פֿון די חסידישע גדולי־הדור, אָבער זיי האָבן אויך געהאַט די אויטאָריטעט פֿון דער רבנישער וועלט פֿון יענער צײַט.

אין דעם פֿריִער דערמאָנטן ענטפֿער צום מיניסטער האָבן מיר בכן דעם ערשטן אָנווײַז, אַז ער, משה פּינכאַסאָוויטש, איז געווען דער גרינדער פֿון דער דאָזיקער דרוקערײַ, אָבער עס קאָן דאָך זײַן, אַז ער זאָל טאַקע האָבן באַקומען די דערלויבעניש, אָבער די בעלי־בתּים זאָלן זײַן אַנדערע. קומט ח. ליבערמאַן און ווײַזט אויף מיט וואָגיקע ראַיות,[22] אַז דער דאָזיקער משה שפּיראָ איז גע־ווען דער מיטבאַטייליקטער אין דער דרוקערײַ איידער זײַן נאָמען באַווײַזט זיך אויף די שער־בלעטער פֿון די ספֿרים. ער דערווײַזט עס מיט אַ ריי פֿאַקטן. ערשטנס געפֿינען מיר אין אַ הסכּמה אויף אַ ספֿר וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין סלאַוווטע אין 1794 בפּירוש, אַז דער ספֿר ווערט אַרויסגעגעבן פֿון דעם דרוקער־אַרויסגעבער ר׳ משה שפּיראָ. אַ ריי חסידישע סיפּורים גיבן איבער פּרטים וועגן דער גרינדונג פֿון דער דרוקערײַ און דערציילן וועגן דעם צו־זאַמענטרעף פֿון ר׳ משהן מיט ר׳ שניאור־זלמן פֿון ליאַדי בעת ער איז געפֿאָרן קיין פּעטערבורג נאָך דער דערלויבעניש. אין אַ נבֿיאים־וכּתובֿים, וואָס איז געדרוקט אין 1800 אין מינקאָוויץ, איז פֿאַראַן אַ פּשרה וועגן אַ סיכסוך וואָס עס איז געווען צווישן די מינקאָוויצער דרוקערס און די סלאַוווטער אין שײַכות מיט דרוקן פֿון דאָזיקן ספֿר. מצד די סלאַוווטער בעלי־בתּים ווערט טאַקע אָנגערופֿן ר׳ משה שפּיראָ.

קלאָר, אַז די אַלע באַווײַזן רעדן ניט וועגן דער גרינדונג־דאַטע. זיי אַלע זענען פֿון אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווײַל סײַ די הסכּמה, סײַ די נסיעה קיין פּע־

[22] ח. ליברמן, „לתולדות הדפוס העברי בסלאוויטא״, קרית־ספר, כ״ז, זז׳ 117—119.

טערבורג, וואָס וועגן איר דערציילט דער חסידישער סיפּור אין זכרון לצדיקים רעדן וועגן דער צײַט ווען דער געגנט איז שוין געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון מאָסקווע. אָבער זיכער איז, אַז ר׳ משה איז שוין געווען דער בעל־הבית, אָדער מיט־בעל־הבית פֿון די סלאַוווּטער דרוקערײַען נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן פֿיגורירן זײַן נאָמען אויף די שער־בלעטער. פֿאַר וואָס זײַן נאָמען פֿיגורירט ניט פֿריִער, איז שווער צו זאָגן. אַ שטיקל השערה קען זײַן, וואָס אפֿשר האָט ער, ווי אַ באַרימטער חסידישער רבֿ, ניט געוואָלט פֿיגורירן ווי אַן אַרויסגעבער פֿון ספֿרים, ספּעציעל שסן. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דאָס זענען געווען די יאָרן פֿון דער שאַרפֿער חסידיש־מתנגדישער מחלוקת, ווען מען האָט אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה ר׳ שניאור־זלמן פֿון ליאַדי (1798 און 1800). ערשט שפּעטער ווען די ערשטע צוויי אויפֿלאַגעס פֿון סלאַוווּטער תּלמוד האָבן זיך אַזוי אָנגענומען אין דער ייִדישער וועלט האָט משמעות ר׳ משה שפּיראָ שוין געהאַלטן פֿאַר מעגלעך אָפֿן אַרויסצוטרעטן ווי אַ מיטבאַטייליקטער אין דער דרוקערײַ.

אַגבֿ האָבן מיר אַזאַ מין קוריאָז: אין 1807—1810 איז אַרויס אין סלאַוווּטע דער ספֿר הלכות רב אלפס. אויפֿן שער־בלאַט ווערט אָנגעגעבן, אַז דער ספֿר ווערט אַרויסגעגעבן „בדפוס השותפים ר׳ דובער בר׳ ישראל ור׳ דובער בר׳ פסח״. אָבער אין דער הסכמה צום צווייטן טייל, וואָס איז אַרויס אין תּקס״ח ווערט דערמאָנט ר׳ משה שפּיראָ ווי דער אַרויסגעבער פֿון ספֿר. קלאָר — ר׳ משה שפּיראָ האָט זיך מיטבאַטייליקט אין די סלאַוווּטער דרוקן איידער זײַן נאָמען באַווײַזט זיך אויף די שער־בלעטער. אין 1813, ווען ער איז אַרויס מיט דער דערקלערונג, אַז ער איז דער בעל־הבית פֿון דער דרוקערײַ, איז זי שוין געווען אַ שם־דבֿר אין דער ייִדישער וועלט. צווישן 1801 און 1806 איז דאָרט אָפּגע־דרוקט געוואָרן דער גאַנצער תּלמוד־בבֿלי, וואָס ווערט צוליב זײַן גרויסן פֿאַר־מאָט אָנגערופֿן „סלאַוווּטאַ גדול״. אויף דער אויסגאַבע פֿיגורירן נאָך די פֿריִער דערמאָנטע שותּפֿים,ביידע ר׳ בערס. אין משך פֿון אַ קורצער צײַט האָט די דאָזיקע דרוקערײַ באַוויזן אַרויסצוגעבן דרײַ פֿולע אויסגאַבעס פֿון תּלמוד־בבֿלי.

גלײַך ווי עס איז פֿאַרענדיקט געוואָרן די דאָזיקע תּלמוד־אויסגאַבע איז אַרויס אַ צווייטע, וואָס האָט זיך געדרוקט צווישן די יאָרן 1808—1813. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט געהאַט שוועריקייטן אין דרוק. עס איז געווען אין דער צײַט פֿון דער רוסיש־פֿראַנצייזישער מלחמה, ווען ס׳רובֿ פּויליש־רוסישע דרוקע־רײַען האָבן זיך צוליב דעם געשלאָסן. אויף דער אויסגאַבע פֿיגורירט שוין ווי דער אַרויסגעבער הרבֿ ר׳ משה שפּיראָ, אַבֿ־בית־דין פֿון סלאַוווּטע.

אַ פּאָר יאָר איז די דרוקערײַ געווען געשלאָסן און אין 1815 ווערט זי ווידער באַנײַט. זי איז זיך דערבײַ שטאַרק צעוואַקסן. זי פֿאַרמאָגט שוין אַן אייגענע פֿאַבריק פֿון פּאַפּיר און אַ שריפֿטגיסערײַ.

אין 1817 טרעט צו שפּיראָ אַרויסצוגעבן אַ דריטע אויסגאַבע פֿון תּלמוד־בבֿלי. דאָס דרוקן געדויערט ביז 1822. בײַם דרוקן די דאָזיקע אויסגאַבע האָט דער אַרויסגעבער זיך פֿאַרזיכערט דורך הסכמות אַז קיינער טאָר ניט אָנהייבן דרוקן אַ נײַע תּלמוד־אויסגאַבע סײַדן עס וועלן אַריבער 25 יאָר נאָך דער

דאָזיקער. אַזאַ מין איסור קעגן הסגת־גבֿול איז געווען אָנגענומען און איז בכלל אָפּגעהיט געוואָרן. אין 1825 האָט זיך ר׳ משה שפּיראָ צוריקגעצויגן פֿון זײַן אַקטיוויטעט אין דער דרוקערײַ. די אונטערנעמונג איז אַריבער אין די הענט פֿון זײַנע זין שמואל־אַבֿרהם־אַבא (געב׳ 1784) און פּנחס (געב׳ 1792).

אין 1834, ווען די סלאַוועטער מדפּיסים טרעטן צו אַרויסצוגעבן אַ פּערטע אויפֿלאַגע פֿון תּלמוד־בבֿלי, ברעכט אויס דער גרויסער סיכסוך צווישן דער דאָזיקער דרוקערײַ און דער ווילנער. דער דאָזיקער סיכסוך, וואָס האָט בשעתו אויפֿגערודערט די גאַנצע ייִדישע וועלט, האָט מיט זיך געבראַכט פֿאַטאַלע רעזול־טאַטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער ביטערער סוף פֿון דער סלאַוועטער דרוקערײַ. עס איז אויך געווען דער אַרײַנפֿיר צו דעם חורבן פֿון די ייִדישע דרוקערײַען אין רוסלאַנד.

ווען די סלאַוועטער מדפּיסים האָבן שוין געהאַט אײַנגעקויפֿט פּאַפּיר פֿאַר זייער פּערטער אויפֿלאַגע פֿון תּלמוד און אויך שוין געזאַמלט אַבאָנענטן פֿאַר דער אויסגאַבע האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אויך די ווילנער מדפּיסים, די ראָמס, גרייטן זיך צו דרוקן דעם תּלמוד. די סלאַוועטער האָבן עס באַטראַכט ווי אַ הסגת־גבֿול, און האָבן גערופֿן די ווילנער צו אַ בית־דין. זייער טענה איז געווען, אַז עס איז נאָך ניט אַריבער דער איסור אויף אַ נײַער אויסגאַבע וואָס די בעלי־הסכּמה האָבן אַרויסגעגעבן. די ווילנער האָבן געענטפֿערט, אַז די באַוואָרעניש פֿון הסגת־גבֿול איז געמאַכט געוואָרן מיט דער אויסרעכענונג, אַז עס וועלן פֿאַר דער צײַט ניט ווערן אויספֿאַרקויפֿט די סלאַוועטער גמרות. אָבער איצט, טענהן זיי, האָט שוין סלאַוועטע ניט וואָס צו פֿאַרקויפֿן און זיי האָבן רעכט צו דרוקן דעם תּלמוד. די מחלוקת האָט ממש צעשפּאָלטן די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט. ביז 200 רבנים זענען אַרײַנגעצויגן געוואָרן ווי צדדים אין דעם סיכסוך. ניט ווילנדיק איז סלאַוועטע געוואָרן אַ „חסידישער“ צד און ווילנע אַ „מתנגדישער“, הגם אויף דער זײַט פֿון סלאַוועטע זענען געווען אַ ריי מתנגדישע ליטווישע רבנים. דער בית־דין האָט זיך ניט געקענט אייניקן אויף אַ פּסק און יעדער צד האָט זיך געהאַלטן, אַז ער איז גערעכט.

גאָר אין גיכן זענען אין סלאַוועטע און אין ווילנע פֿאַרלאָפֿן געשעענישן, וואָס טייל האָבן אין זיי געזען אַן אצבע־אלהים, גאָטס שטראָף פֿאַר דער דאָזיקער מחלוקת. אין מיטן דרוקן די פּערטע אויפֿלאַגע פֿון תּלמוד אין סלאַוועטע, האָט מען אין דער סלאַוועטער שול געפֿונען אַ געהאַנגענעם — אַ געוויסן לייזער פּראָטאָגאַין, וואָס האָט בשעתו געאַרבעט ווי אַן אײַנבינדער אין שפּיראָס דרו־קערײַ. די דאָזיקע מיסטעריעזע געשיכטע, וואָס האָט געבראַכט אָן אַ שיעור פּײַנען ניט נאָר די ברידער שפּיראָ, נאָר דעם גאַנצן שטעטל און האָט אַ סוף געמאַכט צו ייִדישע דרוקערײַען, איז צוגעשריבן געוואָרן צו די שפּיראָס, וועמען מען האָט באַשולדיקט אין מאָרד פֿון דאָזיקן אײַנבינדער. דער מתנגדי־שער צד האָט אין דעם געזען די שטראָף פֿון דער השגחה. דער חסידישער צד ווידער האָט געהאַלטן, אַז די השגחה האָט זיי געגעבן גערעכט. ווי אַ באַווײַז האָבן זיי געבראַכט דעם פֿאַקט וואָס אין 1840 איז אויסגעבראָכן אַ מוראדיקע שׂרפֿה אין דער ווילנער ראָם־דרוקערײַ וואָס האָט חרובֿ געמאַכט די דרוקערײַ

און די גאַנצע בעל־הבתישקייט, און ס׳זענען אויך פֿאַרברענט געוואָרן אַלע אָפּגעדרוקטע ספֿרים. לאַנגע יאָרן האָט די דאָזיקע דרוקערײַ זיך געראַנגלט מיט מאַטעריעלע שוועריקייטן מחמת דער דאָזיקער שׂרפֿה.

מיר קומען צוריק צו דער מעשׂה מיטן געהאַנגענעם אין סלאַוווטער שול. אין הסכּם מיט די פֿאַרשריפֿטן, האָט אַ קאָמיסיע פֿעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז געווען אַ פֿאַל פֿון אַליינמאָרד. אָבער די דאָזיקע געשעעניש איז אויסגענוצט געוואָרן דורך אַ צד וואָס האָט שוין פֿון לאַנג געשאַרפֿט די ציינער קעגן דער סלאַוווטער דרוקערײַ.

בכלל האָט די דרוקערײַ געהאַט ניט גאָר קיין געהויבענעם נאָמען אין די אָפֿיציעלע קרײַזן. אין יענע יאָרן איז דער ענין חסידים געווען גאָר אַקטועל אין די מלוכישע קאַנצעלאַריעס. מען האָט פֿון אַ ריי זײַטן פֿאַרשאָטן די צאַרישע באַאַמטע מיט כּל־המינים אינפֿאָרמאַציעס, פּשוטע מסירות קעגן דער דאָזיקער „פֿינצטערער סעקטע”. נאָך לאַנג פֿאַר דער דאָזיקער געשיכטע האָט שוין די צאַרישע אַדמיניסטראַציע געהאַט אַן „אָנווײַזונג” אויף דער סלאַוווטער דרוקערײַ. אין אַ באַריכט פֿון ווילנער משׂכּיל וואָלף טוגענדהאָלד, וואָס איז געווען דער ייִדישער צענזאָר בײַם ווילנער צענזור־קאָמיטעט, ווערט דערציילט וועגן דער שעדלעכער ווירקונג פֿון די חסידישע ספֿרים. ער גיט דערבײַ אַ רשימה פֿון די דאָזיקע ספֿרים, וואָס זענען אַרויס אין רוסלאַנד, באַמערקנדיק, אַז אַ סך פֿון זיי זענען געדרוקט אָן דער הסכּמה פֿון דער צענזור. ער ווײַזט אָן, אַז אין פּאָדאָליע און וואָלין געפֿינען זיך כּמעט אין יעדער שטעטל חסידישע דרוקערײַען, ער האַלט פֿאַר נייטיק צוצוגעבן, אַז די באַדײַטנדיקסטע צווישן זיי איז די סלאַוווטער.

אויב אין דעם צענזאָרס איבערזיכט איז גערעדט געוואָרן וועגן אַלע חסי־דישע דרוקערײַען, מיט אַ צוגאָב סלאַוווטע, האָט זיך אין דעם דאָזיקן געגנט געפֿונען איינער, וואָס האָט זיך ספּעציעל פֿאַרלייגט אויף דער דאָזיקער דרו־קערײַ. דאָס איז געווען דער פּראַוואָסלאַוונער גלח מיכאַיִל בענדראָווסקי, וואָס האָט געהאַט פּערזענלעכע חשבונות מיט די שפּיראָס. דער דאָזיקער פּאָפּ האָט באַקומען אַ בלאַט פֿון אַ ספֿר וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין סלאַוווטע, ווו עס זענען געשטאַנען „געפֿערלעכע” זאַכן קעגן קריסטן, קריסטנטום און יעזוסן אַליין. וועגן דעם דאָזיקן אַנטיקריסטלעכן בוך האָט ער געשריבן „וווהין מען דאַרף”.

דערוויסנדיק זיך וועגן דער מעשׂה מיטן געהאַנגענעם האָט ער צוגעשיקט קיין פּעטערבורג אַ מסירה, אַז דאָס האָבן די ייִדן דורכגעפֿירט איבער לייזער פּראָטאָגאָיִנען אַ ריטועלן מאָרד. זיי האָבן אים דערהרגעט לויט די אָנווײַזונגען פֿון „ייִדישן דין”. דער דאָזיקער לייזער האָט אים צוגעשטעלט בסוד דאָס בלאַט פֿון ייִדישן אַנטיקריסטלעכן ספֿר און דערפֿאַר טאַקע האָט אים דער ייִדישער „קאָהאַל” אין הסכּם מיט זייער „שולחן־ערוך” באַשטראָפֿט מיט הענגען. די ייִדן האָבן אויך אונטערגעקויפֿט די קאָמיסיע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספֿאָרשונג. די ברידער שפּיראָ און אַ ריי אַנדערע ייִדן זענען אַרעסטירט געוואָרן. עס זענען צוגעצויגן געוואָרן צו פֿאַר־אַנטוואָרטלעכקייט די קאָמיסיע־מיטגלידער וואָס האָבן באַטראַכט דעם געהאַנ־

געגעם. זײ זענען באַשולדיקט געװאָרן אין נעמען שוחד בײַ די ייִדן. די אַרעס־טירטע זענען אויף אַ מוראדיקן אופֿן געפּײַניקט געװאָרן.

דערװײַל זענען אין דער באַשולדיקונג אַרײַנגעצויגן געװאָרן די ייִדישע דרוקערײַען. אין אַ רעפּאָרט קײן פּעטערבורג געפֿינט זיך טאַקע די װײַטער־דיקע כאַראַקטעריסטיק װעגן דער סלאַװוטער דרוקערײַ:

> די דרוקערײַ געפֿינט זיך לעבן דער גרענעץ אין דעם פֿירשט סאַנגושקאָס פּריציש שטעטל. די דרוקערײַ האָט ניט אויף זיך קײן שום אויפֿזיכט און די בעלי־בתּים פֿון דער דרוקערײַ קענען גרינג דרוקן, אויב ניט קײן גאַנצע ביכער, װאָס זענען פֿאַרװערט פֿון דער רעגירונג, איז װייניקסטנס געװיסע שעדלעכע טײלן. דעריבער װאָלט געװען גלײַכער אַריבערצופֿירן אָט די דרוקערײַ אין ערגעץ אַ גובערניע־שטאָט, װוּ די אַדמיניסטראַציע װאָלט געקענט בעסער אַכטונג געבן אויף די מענטשן װאָס האָבן ניט קײן געװיסן אין זיך...

װי אַ תּנא דמסײַע ליה, אַ כּוח װאָס גיט די געהעריקע אויטאָריטעט, קומט דער קיִעװער גענעראַל־גובערנאַטאָר גוריעװ, װאָס אונטער זײַן יוריסדיקציע האָט זיך געפֿונען דער רובֿ שטעטלעך אין װאָלין און פּאָדאָליע, װוּ עס זענען געװען ייִדישע דרוקערײַען. אין זײַן באַריכט פֿון סעפּטעמבער 1836 צום קריגס־מיניסטער אין פּעטערבורג שרײַבט ער צװישן אַנדערע:

> די גרעסטע שטיצע צו פֿאַרשפּרייטן איר שעדלעכע לערע געפֿינט די חסידישע סעקטע אין די ייִדישע דרוקערײַען, װאָס עקסיסטירן אין די גובערניעס, װעלכע שטײען אונטער מײַן פֿאַרװאַלטונג. ניט האָבנדיק איבער זיך קײן געהעריקע אויפֿזיכט קענען די ייִדישע דרוקערײַען אַרויסגעבן אַזעלכע ביכער, װאָס זענען ניט דערלויבט געװאָרן פֿון דער צענזור... דעריבער געפֿין איך פֿאַר אומבאַדינגט נייטיק צו מעלדן אײַער עקסעלענץ, אַז אין דעם געגנט װאָס שטײט אונטער מײַן פֿאַר־װאַלטונג דאַרפֿן די ייִדישע דרוקערײַען אין גאַנצן פֿאַרמאַכט װערן, אָדער, אויב די רעגירונג װעט װעלן איבערלאָזן אײנע פֿון זײ, װעט מען מוזן אַװעקשטעלן אין יענער שטאָט אַ צענזור־קאָמיטעט נאָכן מוס־טער פֿון װילנע.

דער פּועל־יוצא איז געװען דער צאַרישער באַפֿעל צו שליסן אַלע ייִדישע דרוקערײַען אין רוסלאַנד און איבערלאָזן נאָר צװײ — אין װילנע און אין קיִעװ. דער באַפֿעל איז אַרויס דעם 27סטן אָקטאָבער 1836. װי אַזוי דער פּראָצעס קעגן די ברידער שפּיראָ און די אַנדערע באַשולדיקטע האָט זיך געענדיקט איז גוט באַקאַנט. צו אונדזער ענין האָט עס קײן דירעקטע שײַכות ניט.

ס ל אָ פּ ק אָ װ י ץ, פּאָדאָליער גובערניע

אין דאָזיקן שטעטל איז אין 1804 אויפֿגעשטעלט געװאָרן אַ דרוקערײַ דורך צבֿי־זאבֿ בן דוד רובינשטײן. ביז 1806 האָט ער דאָרט אָפּגעדרוקט דרײַ ספֿרים. אויף די ספֿרים װאָס זענען דאָרטן געדרוקט געװאָרן געפֿינט זיך אַ צװײקעפּיקער אָדלער מיטן אײַנגראַװירטן נאָמען פֿון צאַר אַלעקסאַנדער פּאַװלאָװיטש אין לאַטײַנישע אותיות. אין 1808 האָט ער די דאָזיקע דרוקערײַ אַריבערגעפֿירט קײן מאָהילעװ בײַם דניעסטער.

## סקראַלוווקע, בײַ באַרדיטשעוו

דער ערשטער וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער עקסיסטענץ פֿון אַ ייִדישער דרוקערײַ אין דאָזיקן שטעטל איז געווען ד"ר אַ. מאַרקס פֿון דעם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, ווו עס איז פֿאַראַן איין ספֿר, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דעם דאָזיקן אָרט. דאָס איז דער צווייטער חלק פֿון אַ מחזור. (דער ערשטער טייל איז אַרויס אין באַרדיטשעוו.) אַרום דעם דאָזיקן אָרט האָט זיך געפֿירט אַ שטיקל דיסקוסיע. עס איז אָבער פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס איז טאַקע סקראַלוווקע, וואָס איז באמת נאָענט צו באַרדיטשעוו. די דרוקערײַ־אונטערנעמערס זענען געווען די באַקאַנטע יעקבֿ פֿינקלמאַן, דער זון פֿון שמואל מדפּיס און פּנחס־אליעזר ביליטש, דער איידעם פֿון שמואל מדפּיס. ביידע זענען געווען באַרדיטשעווער דרוקער־בעלי־בתּים. עפּעס איז געשען וואָס זיי האָבן ניט געקענט פֿאַרענדיקן דעם מחזור וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן אין באַרדיטשעוו און דעם צווייטן טייל אָפּגעדרוקט אין דעם שטעטל (אָדער דאָרף) בײַ באַרדיטשעוו אין 1818.

## פּולנאָע

וועגן דעם בראשית פֿון דער פּולנאָער ייִדישער דרוקערײַ ווערן מצד ייִדישע ביבליאָגראַפֿן אָנגעגעבן פֿאַרשיידענע דאַטעס (באַראָוואַי — 1783, מאַרקס און האָבערמאַן — 1791). אין דעם ענטפֿער אויף דעם צירקולאַר פֿון דעם פֿאָלקסבילדונג־מיניסטער אין 1802 ווערט אָבער געזאָגט, אַז אין פּולנאָע איז פֿאַראַן אַ דרוק זינט 1788, וואָס ווערט אָנגעפֿירט פֿון שמואל בערקאָוויטש, אַ ייִד פֿון אָסטרע. דאָס איז דער אונדז באַקאַנטער שמואל בן ישׂכר־בער ס"גל מדפּיס. די דאָזיקע דאַטע זעט אויס צו זײַן קרובֿ לאמת. שמואל מדפּיס איז געקומען קיין פּולנאָע אין 1786 פֿון שקלאָוו, ווו זײַן שווער צבֿי־הירש מרגליות האָט געהאַט אַ דרוקערײַ. דער שווער איז געשטאָרבן און ער האָט געפּרוווט אײַנאָרדענען דרוקערײַען אין פֿאַרשיידענע ערטער.

אין די יאָרן תּקמ"ז־תּקמ"ח האָט ער דאָ אָפּגעדרוקט דעם זוהר אין 3 בענד און איז אַוועק קיין קאָריץ (זע דאָרטן). ער קומט שפּעטער ווידער קיין פּולנאָע און פֿירט ווײַטער אַ דרוקערײַ מיט אַ שותּף, אַבֿרהם־משה בן יהודה־לייב האַלפּערין. די דאָזיקע דרוקערײַ איז אַקטיוו ביז 1794. אין 1795 איז דאָרטן פֿאַראַן נאָך אַ דרוקערײַ פֿון ר' שניאור בן בצלאל מגזע שור. די דאָזיקע דרוקערײַ האָט געאַרבעט ביז 1799.

אין 1800 ווערט דאָ פֿאַרלייגט אַ נײַע דרוקערײַ פֿון יוסף בן צבֿי הכּהן וואָס איז אַ געוויסע צײַט געווען אַקטיוו אין ייִדישע דרוקערײַען אין אָסטרע. די דאָזיקע דרוקערײַ האָט עקסיסטירט ביז 1816. אין 1815 האָט ער אין מעזשביזש געעפֿנט אַן אָפּטייל פֿון דער פּולנאָער דרוקערײַ (זע דאָרטן). אין 1816 האָט ער געמאַכט שותּפֿות מיט אַ סודילקאָווער, יצחק בן אליעזר ווייצנפֿעלד. די דאָזיקע שותּפֿות־דרוקערײַ האָט געאַרבעט ביז 1821. ווייצנפֿעלד איז אין 1819 אַרויס פֿון שותּפֿות און האָט אין 1820 געשאַפֿן אַן אייגענע דרוקערײַ אין סודילקאָוו (זע דאָרטן).

## פ ר י צ ק, לויצקער קרײַז, וואָלין

דאָ איז געווען איינע פֿון די פֿריסטע און פּראָדוקטיווסטע ייִדישע דרוקע־רײַען. דאָס שטעטל האָט געהערט צום באַוווּסטן גראַפֿנשטאַם טשאַצקי. דאָ איז טאַקע מיט דער דערלויבעניש און הילף פֿון שטאָט־בעל־הבית אין 1786 געעפֿנט געוואָרן די דרוקערײַ. דאָ האָבן זיך, מיט קליינע איבעררײַסן, אין משך פֿון 34 יאָר געדרוקט ייִדישע ספֿרים. די דאָזיקע 34 יאָר וואָלט מען געקענט אײַנטיילן אין פֿיר תּקופֿות: (1) פֿון 1786 ביז 1788 האָט די דרוקערײַ געהערט צו דרײַ שותּפֿים: שלמה בן אַבֿרהם, אלימלך בן יעקבֿ (ביידע לויצקער) און אַבֿרהם בן יצחק־אײַזיק פֿון קאָריץ, וואָס איז געווען דעם ערשטנס אַן איידעם. אין 1788 איז אלימלך געשטאָרבן און דאָס שותּפֿות איז זיך צעפֿאַלן; (2) פֿון 1789 ביז 1794 ווערט די דרוקערײַ געפֿירט פֿון אלימלכס אַלמנה, חיה, מיט נאָך פֿינף שותּפֿים. די נעמען פֿון צוויי זענען באַקאַנט, דאָס זענען: חנוך־העניך הלוי (אַן איידעם פֿון ישׂראל הלוי, לאַשטשעווער רבֿ) און מרדכי בן פּנחס־יואל; (3) אין 1799 ווערט דאָרט פֿאַרלייגט אַ נײַע דרוקערײַ פֿון חנינא בה"ר ר' פּתחיה־ליב (אַ מחותּן פֿון אָרטיקן רבֿ ר' מרדכי־מאָרדוש בן הלל) און זײַן זון שלמה בן חנינא. אין 1804 איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שׂרפֿה, וואָס האָט חרובֿ געמאַכט די גאַנצע דרוקערײַ. טשאַצקי, וואָס האָט דורכויס געוואָלט האָבן אין זײַן שטאָט די דרוקערײַ, האָט אַרויסגעהאָלפֿן חנינאס זון, שלמהן, אויפֿצובויען די דרוקערײַ, אים געגעבן אַ פּלאַץ במתּנה און געמאַכט אַנדערע הנחות. אין צווישנצײַט קומען אָבער אויף אַנדערע דרוקערײַען, וואָס אַרבעטן ביז 1813. אין 1814 קומט אַן איבעררײַס צוליב דער רוסיש־פֿראַנצייזישער מלחמה; (4) אין 1815, נאָך חנינאס טויט, ווערט דער זאַץ צעטיילט צווישן זײַן זון שלמה און איידעם שמואל בן צבֿי־הירש בורשטיין.

שלמה באַנײַט די דרוקערײַ אין 1815, ווו ער דרוקט ספֿרים ביז 1819. נאָך דעם גייט דער טיפּאָגראַפֿישער מאַטעריאַל אַוועק קיין ראַדזיוויל (זע דאָרטן). זײַן שוואָגער שמואל בורשטיין האָט אויך אין משך פֿון דער צײַט אָפּגעדרוקט אַ פּאָר ספֿרים. בכלל זענען אין פּריצק אַרויס העכער 40 ספֿרים.

חוץ פּריצקער אַרבעטערס האָבן אין די אָרטיקע דרוקערײַען געאַרבעט ביז 25 זעצערס, דרוקערס און קאָרעקטאָרן פֿון דער פֿרעמד, פֿון די שטעט: אַלעקסניץ, אָסטרע, בריסק, דובנע, דוקלע, האַלוב, זשאָלקעוו, טאַרנאָפּאָל, טאָמאַשאָוו, לובאַטשויוו, לעמבערג, מולטין, סקויל, סטאַשעוו, קאָריץ, קריסטינאָפּאָל.

## קאָליס

גרשון דער זון פֿון משה (וועלכער האָט פֿריִער געאַרבעט אין די דרוקערײַען פֿון מעזשיראָוו און סלאַוווטע) האָט דאָ צוזאַמען מיט חיים בן יעקבֿ פֿון מאָהילעוו געעפֿנט אין 1809 אַ דרוקערײַ וואָס האָט עקסיסטירט אויך אין 1810.

## קאָריץ, וואָלין

נאָך דעם ערשטן פּרווו פֿון אַלעקסניץ (זע דאָרטן) דאַרף קאָריץ פֿאַררעכנט ווערן ווי דאָס וויגעלע פֿון דער ייִדישער דרוק־אינדוסטריע אין וואָלין און פֿאָ־

דאַליע. דאָ האָט די ייִדישע ספרים־פּראָדוקציע צום לענגסטן זיך געהאַלטן — כּמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט.

קאָריץ איז אייגנטלעך אַ המשך פֿון אַלעקסניץ. אין 1776 האָט דער בעל־הבית פֿון דער דאָרטיקער דרוקערײַ (אַן אָפּשטאַמיקער פֿון שקלאָוו) צבי־הירש מרגליות אַריבערגעפֿירט זײַן דרוקערײַ קיין קאָריץ. ער האָט צוגענומען ווי אַ שותּף זײַן אײדעם שמואל בן ישׂכר־בער סג״ל, וואָס איז גאָר ברייט געוואָרן באַוווּסט ווי שמואל מדפּיס.

דער דאָזיקער שמואל, וואָס ווערט אין די אָפֿיציעלע אַקטן אָנגערופֿן שמואל בערקאָוויטש, האָט טאַקע אַרײַנגעשריבן אַ גאָלדן בלאַט אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן דרוקערפֿאַך בכלל און אין וואָלין־פּאָדאָליע בפֿרט.

מען דאַרף אָננעמען, אַז ער איז שוין געווען בײַ זײַן שווער אין אַלעקסניץ ביז 1776. אין קאָריץ געפֿינט ער זיך פֿון 1776 ביז 1781; פֿון דאָרט איז ער אָוועק קיין שקלאָוו און ער איז דאָרטן פֿון 1781 ביז 1786; פֿון 1788 ביז 1791 איז ער אין פּולנאָע; מיר טרעפֿן אים דערנאָך אין אָסטרע אין 1792. לסוף איז ער אין באַרדיטשעוו פֿון 1807 ביז 1817, ווו ער שטאַרבט.

אויך זײַן משפּחה איז געווען אַרײַנגעפּלאָכטן אין דעם דרוקערפֿאַך. זײַן פֿאָטער ישׂכר בן מנחם הלוי איז געווען קאָרעקטאָר אין קאָריצער דרוקערײַ. זײַן ברודער יצחק איז געווען זעצער און קאָרעקטאָר אויך אין קאָריץ; זײַן זון יעקבֿ, וואָס האָט שפּעטער אָנגענומען דעם פֿאַמיליע־נאָמען פֿינקלמאַן, איז אַקטיוו אין דעם אויפֿבוי פֿון אַ רײ דרוקערײַען אין וואָלין־פּאָדאָליע און אַפֿילו אין דער קאָראַיִמער דרוקערײַ אין גאָזלאָוו־יעווּפּאַטאָריע. זײַן אײדעם פּנחס־אליעזר בן מרדכי בילִיטש טרעפֿן מיר, ווי מיר האָבן עס שוין פֿריִער געזען, אין אַ צאָל ערטער פֿון וואָלין־פּאָדאָליע בײַם אויפֿשטעלן דרוקערײַען.

אָט די קאָריצער דרוקערײַ האָט עקסיסטירט ביז 1781. אין 1782 פֿאַרקויפֿט מרגליות זײַן דרוקערײַ צום באַקאַנטן קריסטלעכן דרוקער־אונטערנעמער יאָהאַן קריגער פֿון נאָווידוואָר בײַ וואַרשע. מרגליותעס זון, חיים, וואָס דאַרף דעם נײַעם בעל־הבית אַרײַנפֿירן אין דער אַרבעט, אים אַרויסהעלפֿן, געבן אים די נייטיקע אָנווײַזן אאַז״וו, בלײַבט אין קאָריץ. עס בלײַבט אויך שמואל מדפּיסעס אַ ברודער, יצחק, ווי אַ קאָרעקטאָר. קריגער האָט דאָ געפֿירט זײַן דרוקערײַ פֿון 1782 ביז 1787־1788.

אין צווישנצײַט איז דאָ געקומען שמואל מדפּיס, וואָס האָט אין יענער צײַט געהאַט אַ דרוקערײַ אין פּולנאָע. ער האָט אין 1789—1791 געפּרוּווט אײַנשטעלן אַן אָפּטייל פֿון זײַן פּולנאָער דרוקערײַ אין קאָריץ. שפּעטער, אין 1794, איז דאָ אויפֿגעקומען אַ דרוקערײַ פֿון די געוועזענע פּריצקער שותּפֿים — שלמה בן אַבֿרהם פֿון לויצק און זײַן אײדעם אַבֿרהם בן יצחק־אײַזיק. שפּעטער געהערט די דרוקערײַ נאָר צום אײדעם. די דאָזיקע דרוקערײַ האָט אָנגעהאַלטן ביז 1819. בסך־הכּל זענען אין קאָריצער דרוקערײַען אַרויס 85 ספֿרים. אַחוץ אָרטיקע אַרבעטערס האָבן אין קאָריץ געאַרבעט דרוקערס און קאָרעקטאָרן פֿון אַלעקסניץ, דוקלע און מעזריטש.

## קופּיל

אַ מאָדנע מזל האָט די דאָזיקע שטאָט אין פּרט פֿון דרוקן. אין דעם ווינער־הרכּבֿי־קאַטאַלאָג ווערט די דאָזיקע שטאָט צוגערעכנט צו „צאַרסטוואָ פּאָלסקיע״ — ס׳הייסט צום פּוילישן קיניגרײַך. בײַ פֿרידבערגן ווערט גאָר אָנגעגעבן, אַז די שטאָט איז געווען „במחוז מינסק״, ד״ה ווײַסרוסלאַנד. משמעות, אַז ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז דאָס שטעטל קאַפּוליע, וואָס איז טאַקע אין מינסקער גובערניע. באמת מיינט עס דאָס שטעטל קופּיל פֿון וואָלין וואָס ליגט צווישן בילזורקע און מעזשביזש. ח. ליבערמאַן, אין זײַן פֿריִער דערמאָנטער אַרבעט, ברענגט טאַקע גאָר וואַגיקע ראַיות, אַז דאָס איז טאַקע דאָס וואָלינער קופּיל.

דאָ האָבן צבֿי־הירש בן שמעון כּ״ץ פֿון פֿראַנקפֿורט דאָדער און יוסף־יאָסקע בן חיים — געשאַפֿן אַ דרוקערײַ אין יאָר 1796.

דער פֿראַנקפֿורטער צבֿי־הירש, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון אַ שטאָט וואָס איז געווען באַרימט מיט אירע ייִדישע דרוקערײַען, האָט טאַקע געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגע דרוקערישע פּראַקטיק. ער האָט געאַרבעט אין זשאָלקווע; אין 1765 האָט ער געאַרבעט אין פֿיורדא; אין 1755—1771 אין בערלין און אין 1782 בײַ יאָהאַן קריגערן אין נאָווידוואָר בײַ וואַרשע. בסך־הכּל זענען דאָ אָפּגעדרוקט געוואָרן צוויי ספֿרים. אין זעלביקן יאָר זענען די שותּפֿים אַריבער קיין ברעזיץ־פּאָדברעזיץ, בײַ קרעמעניץ, ווו זיי האָבן ממשיך געווען זייער דרוקערישע אַקטיוויטעט.

## קרעמעניץ, וואָלין

לויט פֿרידבערגן קומט אויס, אַז די דאָרטיקע דרוקערײַ איז פֿאַרלייגט געוואָרן דורך דעם דובנער אײַנוווינער יהונתן בן יעקבֿ אין 1808. אויפֿן צווייטן ספֿר וואָס איז דאָ אָפּגעדרוקט געוואָרן, אין 1809, האָט דער אַרויסגעבער אָנגעגעבן כּמו בברלין. דאָס איז געטאָן געוואָרן משמעות כּדי אָפּצונאַרן דעם צענזאָר וואָס האָט אויף דעם דאָזיקן ספֿר (נחל אשכּול) ניט געגעבן זײַן הסכּם.

בײַ באַראָוואַי איז דער בראשית פֿון קרעמעניצער דרוק אָנגעגעבן ווי 1805.

## ראַדוויל, קרעמעניצער קרײַז

אויף דעם ספֿר וואָס איז דאָרט אַרויס אין 1817 איז ניט אָנגעגעבן דער דרוקער־אַרויסגעבער. מען האַלט אָבער מיט זיכערקייט, אַז דאָס איז געווען יהונתן בר׳ יעקבֿ, וואָס האָט געהאַט די דרוקערײַ אין דובנע און שפּעטער אין קרעמעניץ.

אָנהייב 1819 האָט יהונתן פֿאַרלאָזט ראַדוויל און דאָ האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ דרוקערײַ פֿון פּנחס בן אָשר־זעליג בר״ץ, וואָס האָט דעם טיפּאָגראַפֿישן מאַטעריאַל אײַנגעשאַפֿן פֿון פּריצק. דער לעצטער ספֿר פֿון דער דאָזיקער דרוקערײַ איז געווען פֿון 1820. עס זענען אָבער פֿאַראַן אַ ריי אָנצוהערענישן, אַז אין ראַדוויל זאָל האָבן געווען אַ דרוקערײַ אַ סך פֿריִער ווי 1817, אַזש אין 1787. אַבֿרהם יערי ברענגט אין נאָמען פֿון אַריה טויבער, אַז אין מחזור מנהג ספֿרד, וואָס איז אַרויס אין לובלין אין 1862, ווערט אָנגעגעבן אויפֿן שער: „כּל התפילה

מתוקן בנוסח סידור ראדוויל הישן הנדפס בהשגחת הרב הקדוש מאפטא זצ״ל זי״ע״. דער ייִדישער ביבליאָגראַפֿיע איז דער דאָזיקער סידור ניט באַקאַנט. ד״ר רינגעלבלום, אין זײַן אַרבעט וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדישע דרוקערײַען אין פּוילן, גיט איבער אויפֿן סמך פֿון אַרכיוו־מקורים, אַז דער קריסטלעכער דרוקער מיאָנטשינסקי און די רעגירונג האָבן געפֿירט אַ משׂא־ומתּן אין 1788 וועגן עטאַבלירן אין ראַדוויל אַ ייִדישע דרוקערײַ. אין אַ צווייטן אָרט ברענגט רינגעלבלום אַ דאָקומענט, פֿון וועלכן עס איז צו זען, אַז די פּריווילעגיע צו דרוקן ייִדישע ביכער אין ראַדוויל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 19טן פֿעברואַר 1887.[23]

שאַרעגראָד, וואָלינער גובערניע

ווי אין באַר און אין נעמיראָוו פֿיגורירט די דאָזיקע שטאָט אין דעם קאַטאַלאָג פֿון ווינער־הרכבֿי, פּעטערבורג, 1894, ווי אַ שטאָט וווּ עס זענען געדרוקט געוואָרן ייִדישע ספֿרים, אָבער עס איז ניט באַקאַנט ווען, ווער, וועלכע. (זע בײַ באַר.)

שׂדה־לבֿן (בעלאַיאַ צערקאָוו), קיִעווער גובערניע

די דאָזיקע שטאָט, וואָס איר אָפֿיציעלער נאָמען איז בעלאַיאַ צערקאָוו, האָט בײַ ייִדן געהייסן שׂדה־לבֿן (דאָס פֿאָלק האָט געהאַט פֿאַר דעם נאָך אַ נאָמען — „שוואַרצע טומאה״). דאָ איז אין 1822 געשאַפֿן געוואָרן אַ העברעיִשע דרוקערײַ. אויפֿן שער־בלאַט פֿון די ספֿרים ווערט אָנגעגעבן שׂדה־לבֿן. אָגבֿ איז אָנגעגעבן, אַז עס איז געדרוקט „ברשיון הצענזור.... מווילנא״. דער גרינדער איז געווען דער יונגער־מאַן (האָבֿרך) צבֿי־הירש בן זכריה. דעם טיפּאָגראַפֿישן מאַטעריאַל האָט ער געבראַכט פֿון באָסלעוו, וווּ ער האָט געאַרבעט אין דער דאָרטיקער דרוקערײַ. די דרוקערײַ האָט נאָך עקסיסטירט אין 1824.

ביז איצט האָבן מיר אויסגערעכנט די נעמען פֿון 38 ערטער, וואָס זענען געבונדן מיט ייִדישע דרוקערײַען אין אוקראַיִנע. מיר ווילן נאָך צורעכענען צוויי ערטער, וווּ עס זענען געווען קאַראַיִמישע דרוקערײַען:

גאָזלאָוו, אָדער יעוופּאַטאָריע, טאַווריטשער גובערניע, וווּ דער פֿריִער דערמאָנטער יעקבֿ פֿינקלמאַן (דער זון פֿון שמואל מדפּיס) האָט אין 1834 געשאַפֿן די דרוקערײַ פֿאַר די דאָרטיקע קאַראַיִמער. אין 1836 איז שוין די דרוקערײַ געווען אין רשות פֿון דעם קאַראַיִמער מרדכי טירישקאַן. מעגלעך, אַז יעקבֿ פֿינקלמאַן האָט די דאָזיקע דרוקערײַ איבערגעגעבן אויפֿן נאָמען פֿון דעם קאַראַיִמער, כּדי זי זאָל ניט האָבן דעם גורל פֿון אַלע אַנדערע ייִדישע דרוקערײַען, וואָס זענען אין דעם יאָר, אויפֿן סמך פֿון אַ צאַרישן באַפֿעל, געשלאָסן געוואָרן.

די צווייטע קאַראַיִמער דרוקערײַ איז געווען אין קלעאָ אָדער טשופּוט

[23] עמנואל רינגעלבלום, „פּראָיעקטן און פּרוּוון צו איבערשיכטן די ייִדן בעת דער הערשאַפֿט פֿון קיניג סטאַניסלאַוו״ (פּויליש), וואַרשע, 1934.

(אויך טאַווריטשער גובערניע). די דאָזיקע שטאָט האָט בײַ די קאַראַימער געהייסן „סלע היהודים״. דאָ איז שוין געווען אַ דרוקערײַ ווען דער געגנט איז געווען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די טערקן, אין 1734—1741. די דרוקערײַ איז באַנײַט געוואָרן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די צאַרן און איז געווען אַקטיוו פֿון 1804 ביז 1806. דער צאַרישער באַפֿעל פֿון 1836 וועגן שליסן די ייִדישע דרוקערײַען האָט די קאַראַימער ניט אָנגערירט.

אין דער רשימה פֿון דעם ווינער־הרכבֿי־קאַטאַלאָג פֿון 1894 ווערן אָנגעגעבן בסך־הכּל 147 ספֿרים פֿון 60 דרוקערײַען אין רוסלאַנד. פֿון די 147 ספֿרים זענען 70 געדרוקט געוואָרן אין אוקראַיִנישע דרוקערײַען.